№ 45 · [illegible] · [illegible] · פרייז 20 גראָשען. · „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פּרייז פאַר א מילימעטער-שורה:
[illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.
[illegible]
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענט-פּרייז: א נומער 20 גראָשען.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, dnia 6 listopada 1931. · ליכט-צינדען 3.59 · פרייטאג, פ׳ חיי שרה כ״ו חשון תרצ״ב.

NAJSTARSZA w CZĘSTOCHOWIE
FARBIARNIA i CHEMICZNA PRALNIA ALEKSANDRA HEININGERA założona w r. 1860

poleca Szanownej Klijenteli swe usługi

Wykonuje:

Farbowanie przędzy wełnianej, bawełnianej, jutowej i jedwabnej oraz wszelkich materjałów w sztukach, GARDEROBY DAMSKIEJ, MĘSKIEJ i DZIECIĘCEJ, DYWANÓW, PORTJER, KORONEK i t p.

Chemiczne czyszczenie i pranie wszelkiej garderoby, dywanów, kap, koronek, portjer, firanek i tkanin przy zastosowaniu najnowszych środków chemicznych nieszkodliwych dla najdelikatniejszych materji

Wieloletnia działalność mojej firmy daje gwarancję solidności wykonywania powierzonych mi robót i wobec ulepszonych systemów pracy szybkiej i starannej obsługi.

Z poważaniem
Aleksander Heininger.

Fabryka: Częstochowa, ul Zaciszańska № 8, tel. 360
Sklep: „ ul. Panny Marji № 32

Sklepy: w Częstochowie, ul. Narutowicza № 20.
w Piotrkowie, ul. Piłsudskiego № 41

Ceny znacznie zniżone!

דאָרא נאָוואַק — זעליג גאָטיינער
תנאים געשריבען
טשענסטאכאָוו, אין נאָוועמבער 1931 י.

מזל-טוב! צו דער תנאים פון אונזער זוהן און ברודער **זעליג גאָטיינער** מיט פרל. **דאָרא נאָוואַק** אונזערע הארציגסטע וואונשען.
זייט גליקליך.
מוטער און ברודער גאָטיינער.

פיעל ברכות און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואָגער **זעליג גאָטיינער** צו דער תנאים מיט פרל. **דאָרא נאָוואַק**.
זאָל אייער לעבענס-וועג זיין בעצירט מיט די הערליכסטע בלומען.
חיים גאָטיינער און פרוי.

Z intencji zaręczyn brata i szwagra naszego ZYGMUNTA GOTAJNERA z p DORĄ NOWAKÓWNĄ życzymy szczęścia i różowej przyszłości
Leon Openhajm, żona i córeczka.

צו דער תנאים פון אונזער קוזין **זעליג גאָטיינער** מיט פרל. **דאָרא נאָוואַק** מזל-טוב און א גליקליכע צופרידענע צוקונפט
ווינשט **פאַמיליע לאַסמאַן**.

צו דער תנאים פון אונזער פריינד **זעליג גאָטיינער** מיט פרל. **דאָרא נאָוואַק**, א הערצליכען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט
ווינשט **פאַמיליע ווינדמאַן**.

צו דער פארלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין פרל. **דאָרא נאָוואַק** מיט ה׳ **זעליג גאָטיינער**, ווינשען מיר אונזער הערצליכסטען מזל-טוב און אייביג גליק.
ישעי׳ נאָוואַק און פרוי

צו דער תנאים פון ה׳ **זעליג גאָטיינער** מיט פרל. **דאָרא נאָוואַק**, ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
פאַמיליע גאַנשעראָוויטש
פאַמיליע מענדעל
פאַמיליע שווידערסקי.

צו דער תנאים פון אונזער ברודערן-טאָכטער **דאָרא נאָוואַק** מיט ה׳ **זעליג גאָטיינער**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע בליהענדע צוקונפט
יהושע נאָוואַק און פרוי.

Z intencji zaręczyn panny DORY NOWAK z panem ZYGMUNTEM GOTAJNEREM, życzę, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.
Sala Federmanówna

Klub Szachistów w Częstochowie.

W niedzielę, d. 8 listopada o godz. 5 po poł. odbędzie się we **własnym lokalu Aleja Wolności 2**

Doroczne Ogólne Zebranie

z następującym porządkiem dziennym: 1) wybór przewodniczącego zebrania, 2) sprawozdania: z działalności i kasowe, 3) budżet, 4) wybór zarządu, 5) wolne wnioski.

W razie nieprzybycia dostatecznej ilości członków, zebranie odbędzie się w drugim terminie punkt. o 7 bez względu na ilość obecnych.
ZARZĄD

מאָרגען, שבת, ד. 7 נאָוועמבער 1931 י.
פונקטליך 6 אָוונד אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12, קומט פאָר
די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד

טאָג-אָרדנונג: 1. ערעפנונג. 2. וואהל פון א פאָרזיצער. 3. טעטיגקייטס-בעריכט 4. קאַסע - בעריכט. 5. בודזשעט אויף 1932. 6. וואהל פון א פערוואַלטונג. 7. פרייע פאָרשלאַגען.

דער צווייטער טערמין איז 7 אָוונד גילטיג ביי יעדער צאָהל אנוועזענדע

די בילּיגסטע קוועלע פון אַלערליי
שטרימפּף, סוועטערס, דאַמען און הערען = וועש און גאַלאַנטעריע=אַרטיקלען

אין דער ערשטקלאסיגער פירמא

„MAISON „HYGIENA"

וואס איז איבערגעטראַגען געוואָרען פון דער צווייטער אַלעע № 29

רוג אַלעע און קאשטשושקי

אונזער דעוויז: גרויסער אומזאַץ – קליינער פערדינסט.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym Waszyngtona 6
uczy Ostatnie Nowości sezonu „Rumba" Tango-argentino, Fox-Step, Walc boston i inne, w kompletach i pojedynczo.
Zapisy na kursy I - II III - Mazura codz. od 10 rano do 9 wiecz

פראַקטישע לעקציעס יעדען שבת 8 אָוונד לעצטע מוזיק-שלאַגערס. פאַר פרויען—הנחה.

אכטונג
הויז = אייגענטימער!
הויז=שילדען
וואוינונגס=נומערן
מעלדע=סטעמפּלען לויט פאָרשריפט
בעשטעלט נור ביי
ש. בראַנדיס
1=טע אַלעע 12.



דאָרט בעקומט איהר אויך אַלעראַרט גראַוויר-אַרבייט, אויך גומי-סטעמפּלען.

כדי צו האבען
פּרנסה!!!
איז דא איין אויסגאַנג!
צו קויפען א לאָס
פון דער ערשטער קלאַס
אין קאַנטאָר פון

J. WEKSLER, ALEJA 6

יעדער צווייטער לאָס געווינט!

פרייז:	1|1	1|2	1|4
	40 זל.	20 זל.	10 זל.

א דירה
פון 3 צימערען מיט א קוך און אַלע בעקוועהמ=ליכקייטען אין צענטרום שטאָדט
שוין צו פערדינגען!
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר ר.

ליבע פריינדין **יאַדזשע קאַמעלגאַרן**, צו דיין חתונה מיט דיין בעשערטען **אברהם בראַשטאַנער** וואס איז פאָרגעקומען זונטאג דעם 1 נאָוועמבער ד. י. אין נאָנסי (פראַנקרייך) מיין הארציגסטען מזל-טוב.
טשענסטאָכאָוו. — אסתר פראַנק.

צו די פערלאָבונג פון אונזער ה׳ **מיכאל הויפטמאַן** מיט פרל. **סאַלא הערשליקאָוויטש** פון מיעדזשנא, ווינשען מיר פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
די פאַך-קאָמיסיע פון הויזען-וועסט-שניידער
ביים יודישען שניידער-צעך.

FUTRA

wszelkiego rodzaju **po cenach przystępnych**
poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TEL. 259.

פּולאָווערס און סוועטערס
פון עכטע וואָל
צו בילּיגע פרייזען
וואו? אין געשעפט פון
ז. גליקסמאַן
אגראַדאָווע 13.

דער טרויריגער רעזולטאט.

עס איז אונז שוין אויסגעקומען פיעל מאל אנצוווייזען און צו בעמערקען אז די שטענדיגע חלוקי-דעות, די אונאויפהערליכע ארומרייסענישען וואס האבען געהערשט אין אונזערע קהלות, וועלען פאר זיי ברענגען שלעכטע רעזולטאטען.

מיר האבען נישט איינמאל בעמערקט אז די אויפזיכטס-מאכט וועלכער עס מוזען לויט'ן געזעץ צוגעשטעלט ווערען די פראטאקאלען פון די קהלה-זיצונגען און וועלכע קאנטראלירט בכלל די גאנצע טעטיגקייט, טהוט גענוי אבסערווירען וואס עס קומט דארט פאר, און זי זעהט ווי ביי יעדער פאזיציע וואס מען שטעלט אריין אין בודזשעט קומען פאר שעה'דיגע ויכוחים פאר אדער געגען דער דאזיגער פאזיציע, זי האט אויך געזעהען די „וואטום ספעראטום" וואס א טייל מיטגלידער פון דער קהלה פלעגען אריינטראגען ווען א וועלכע פ'איז פאזיציע איז נישט געווען לפי רצונם, און בעיקר האט זי צוגלייך מיט אונז געזעהען ווי צוליעב די צאנקערייען צווישען די מיטגלידער וועלכע האבען פערשידענע אנשויאונגען און אבזיכטען וועגען זייערע קהלה-ענינים, ווערט די קהלה - ווירטשאפט פערנאכלעסיגט און צושטערט.

און מיר האבען זאגאר אפען אויסגעדריקט אונזער מורא אז די אויפזיכטס-מאכט, זאל זיך צוליעב דעם נישט וועלען צופיעל אריינמישען אין אונזערע קהלה-ענינים, ווייל מיר האבען געהאלטען אז אייגענטליך האט די מאכט ביז איצט אויך געמאכט אין אונזערע קהלה-בודזשעטען אזעלכע ענדערונגען, וועלכע זיינען פאר אונז געווען אונפערשטענדליך, און מיר האבען דאס צוגעשריבען די אונבעהאלפענקייט פון אונזערע קהלות, וועלכע האבען נישט געארבייט געמיינזאם און זיינען נישט געווען איייניג ביי די בודזשעט-פאזיציעס.

מיר געדענקען נאך ביי אונז אין טשענסטאכאו, ווי ערשט נישט לאנג, דאכט זיך ביים פאריאהריגען בודזשעט, האט די אויפזיכטס-מאכט אין דעם בודזשעט כמעט אינגאנצען געענדערט אייניגע פאזיציעס, ווי סובסידיום פאר'ן יודישען גימנאזיום, סובסידיום פאר די ארץ-ישראל פאנדען, זאגאר פאר דער ישיבה „כתר תורה" וכדומה, וואס מען האט דאמאלס צוגעשריבען דעם איינפלוס פון א געוויסען צד אין די הויכע פענסטער (זעלבסטפערשטענדליך קענען מיר נישט וויסען אויף ווי ווייט דאס איז אמת), אבער יעדענפאלס פערשטעהט יעדער פערנונפטיגער מענש אז אזאלכע אינטערווענצען מאכען דארט נישט דעם געוואונשטען איינדרוק.

איצט, וואס האט זיך אבגעטהון און וואס טהוט זיך נאך אב אין א גאנצע רייהע שטעדט אין פוילען אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע קהלה-וואהלען, וואו די פרעזעסען אדער זאגאר די פערוואלטונג זיינען נאך ביז'ן היינטיגען טאג נישט בעשטעטיגט, און דאס אלץ איז דאך, צו אונזער גרויסען בעדויערען, צוליעב דער דאזיגער אינטערווענץ.

עס וועט דאך קיינער נישט אבלייקענען אז דאס קהלות-געזעץ פון אקטאבער פ. י. מיט דעם בעוואוסטען פאראגראף 20 איז אויך א רעזולטאט פון אינטערווענץ, וועלכע איז אויסען געווען צו מאכען די קהלה פאר א ריין-רעליגיעזע, אין וועלכער עס זאלען זיך בעטייליגען נאר שטרענג רעליגיעזע יודען, און וועלכע זאל זיך פערנעמען נאר מיט ריין רעליגיעזע ענינים.

און עס איז קיין וואונדער נישט אז נאכדעם, נאך די ראנגלענישען אין די קהלות, צווישען זייערע מיטגלידער, וועלכע האבען געצויגען יעדער אויף זיין זייט, און נאך די דערמאנטע אינטערווענצען, איז געקומען דער טרויריגער רעזולטאט, איז געקומען די נייעסטע צוגאבע צום קהלות-געזעץ, וועלכע בעשרענקט די רעכט פון די קהלה פארשטעהער ביז א מינימום, וועלכע בעזייטיגט שוין בולט און אויסדריקליך פון דער קהלה-טעטיגקייט אלעס וואס איז נישט דירעקט קיין רעליגיעזע פראגע, און וועלכעס זאגט שוין כמעט אפען און דייטליך אז מיט די קהלות וועלען אייגענטליך אנפיהרען די מאכט ארגאנען, און די פרנסים מיט די דאזארעס וועלען דארט זיצען גלאט פון יוצא וועגען.

אנשטאט וואס פריהער האט די קהלה אנגעצייכענט דעם פארם פון איהר טעטיגקייט, זי האט למשל צונויפגעשטעלט א עטאט - ליסטע, בעשטימט פרייזען פאר געוויסע הכנסות, וועלכע האבען נאר געדארפט דורך דער מאכט בעשטעטיגט ווערען, ווערט כמעט אלעס, לויט'ן לעצטען געזעץ, געטהון דורך דער מאכט, וועלכע ווייזט אן וויפיעל און ווי אזוי דער עטאט זאל גענומען ווערען, וויפיעל די קהלה האט דאס רעכט צו נעמען פאר שחיטה, וויפיעל פאר א קרקע אויפ'ן בית-עלמן, וכדומה, און בעיקר אז די קהלה האט זיך נישט צו פערנעמען מיט קיין קולטורעלע, ווירטשאפטליכע, אדער סאציאלע ענינים, און אזאלכע סומעס טארען זיך כלל נישט געפונען אין בודזשעט. וועגען בעשטימען א וועלכע ס'איז סומע פאר כלל-ישראל ענינים, ווי פאר ארץ-ישראל וכדומה איז דאך שוין אבגערעדט.

איצט האט מען געעפענט די אויגען און מען הויבט אן זעהען וואס עס קען ווערען פון אונזערע קהלות, וועלכע זיינען אין אלע צייטען און דורות געווען די איינציגע העכסטע אנשטאלטען וואס האבען ארומגענומען דאס גאנצע יודישע לעבען צו אלע צווייגען און איינצעלהייטען, איצט זעהט מען אין וואס די קהלות וועלען פערוואנדעלט ווערען, מען האט צונויפגערופען א קאנפערענץ פון קהלה-פארשטעהער וועלכע זאל בעטראכטען די ערנסטקייט פון דער לאגע.

נאר וועגען דער אין ווארשא פארגעקומענער קאנפערענץ, אין נעכסטען ארטיקעל.

י. פ.

פון דער וואך.

דער „בריסקער" פראצעס.

אין ווארשא קומט פאר די פארטזעצונג פון גרויסען פאליטישען פראצעס געגען די 11 פארשטעהער פון „צענטראלעוו" געוו. דעפוטאטען, וועלכער רופט ארויס די גרעסטע שפאנונג אין גאנצען לאנד. ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט זאל דער פראצעס זיך פערציהען גאנצע 6 וואכען. די שמועות וועגען דעם אז דער פראצעס זאל אבגעלעגט ווערען, זיינען נישט ריכטיג און ווערען דורך די מאסגעבענדע קרייזען קאטעגאריש אבגעלייקענט.

די אקאדעמיקער הוליען.

א שרעקליכען פערדרוס האט ארויסגערופען דאס וואס די סטודענטען פון קראקאווער אוניווערזיטעט האבען פלויצים ארויסגערופען אונרוהען געגען די יודישע סטודענטען, אויף וועלכע זיי זיינען אנגעפאלען און געשלאגען. דאס איז געווען א סיגנאל פאר זייערע כוליגאנישע חברים פון ווארשאווער אוניווערזיטעט, וועלכע האבען אויך נאכגעטהון זייערע בלוטיגע מעשים געגען די יודישע אקאדעמיקער. דער קראקאווער אוניווערזיטעט איז געשלאסען געווארען און עס האלט דערביי אז אויך דער ווארשאווער אוניווערזיטעט זאל געשלאסען ווערען, אויב די ווילדע מעשים פון די אקאדעמיקער וועלען נישט אויפהערען.

דער 2-ער נאוועמבער.

דער 2-טער נאוועמבער, דער יאהרגאנג פון דער באלפור - דעקלאראציע איז היי-יאהר אין ארץ-ישראל אריבער רוהיג, דער פרעזידענט פון דער אראבישער עקזעקוטיווע האט פערעפענטליכט א קאמוניקאט אז צוליעב דער שווערער קריזיס-צייט וועט היי-יאהר דעם 2 נאוועמבער קיין שטרייק נישט פארקומען. דער טאג וועט בלויז אויסגענוצט ווערען פאר דער פערשטארקונג פון דער פאליטישער, עקאנאמישער און קולטורעלער באיקאט-בעוועגונג געגען יודען.

דער נייער מלוכה-בודזשעט.

די רעגירונג האט שוין אריינגעטראגען אין סיים דעם נייעם בודזשעט-פרעלימינאר אויפ'ן קומענדען בודזשעט יאהר, וועלכער שטעלט זיך ארויס מיט 413 און א האלבען מיליאן זלאטעס וועניגער ווי עס איז פרעלימינירט געווארען אין פוריגען בודזשעט, צווישען די פערקלענערטע פאזיציעס געפונט זיך אויך די פאזיציע אויף יודישע רעליגיעזע בעדערפענישען וועלכע איז פערקלענערט געווארען פון 242 טויז. אויף 201 טויז. זלאטעס.

ליקווידירטע פירמעס.

אין משך פון חודש זיינען אין ווארשא ליקווידירט געווארען 58 האנדעלס-פירמעס, צוזאמען זיינען אין ווארשא ליקווידירט געווארען פון 1 יאנואר אן 388 פירמעס, — עס איז כדאי צוצוגעבען אז דאס איז ביודעים, און וויפיעל זיינען פערהאנען בלא יודעים?

יאפאן—כינא—רוסלאנד.

צוליעב די כסדר'דיגע קאמפען וואס קומען פאר צווישען כינא און יאפאן וועלכע מארשירט אלס ווייטער אין מאנדזשוריען, האט זיך פערשפרייט א קלאנג אז עס זאל אויסברעכען א קריג צווישען יאפאן און סאוויעט-רוסלאנד, אבער די יאפאנישע רעגירונג האט דעם דאזיגען קלאנג קאטעגאריש אבגעלייקענט.

זי האט זיך ניט געקענט פון שמערצן בכלל ריהרען

איצטער איז זי פטור אינגאנצען פון רעוומאטיזם!

וואס פאר א שרעקליכער געפיהל נישט קענען אליין אויפשטעהן פון בעט! אזוי שטייף זיינען די הענט און פיס!—נישט פעהיג צו דער ארבייט—דאס איז א קרבן פון רעוומאטיזם. אבער היינט איז זי ווייטער פריש און בעוועגליך ווי פריהער און פיהלט נישט קיין שום ווייטאגען. פרוי וו. סאיק, גרודזיאנדז, שעווסקא 1|16 שרייבט אונז: שוין א לענגערע צייט האב איך געליטען אויף רעוומאטיזם אין די הענד און פיס. די ווייטאגען האבען מיר אזוי דאקוטשעט, אז איך האב אפט א גאנצע נאכט נישט געקענט שלאפען. מיינע הענט און פיס זיינען מיט דער צייט אזוי שטייף געווארען אז איך האב כמעט מיך נישט געקענט ריהרען. איך קען פשוט נישט בעשרייבען ווי איך האב דורך דער צייט געליטען. דורך 7 חדשים האב איך פרובירט פערשידענארטיגסטע מיטלען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די שרעקליכע ווייטאגען, אבער עס איז מיר באמת ערשט דאן בעסער געווארען, ווען איך האב אנגעהויבען נעמען טאגאל. שוין א וואך נאכדעם זיינען די ווייטאגען געווארען קלענער און איך האב געקענט רוהיג שלאפען. זעהענדיג אזאלכע גוטע רעזולטאטען האב איך ווייטער גענומען טאגאל, שטרענג לויט פארשריפטען. מיט דער צייט האב איך דייטליך געפיהלט ווי מיינע הענט און פיס ווערען וואס ווייטער בעוועגליכער. איצטער בין איך שוין אינגאנצען פטור פון דער אונאנגענעהמער קרענק אזוי אז היי-יאהר האב איך א דאנק טאגאל געקענט פערציכטען אויף א רייזע אין א קור-ארט, טאגאל איז באמת א ראדיקאל מיטעל! וועגען דעם קענען זאגען עדות טויזענדער מענשען וואס האבען גענומען טאגאל ביי רעוומאטיזם, פאדאגרע, רייסען און ברעכען אין די ביינער, נערוועז-און קאפ-ווייטאג, גריפע, פערקיהלונגען און אנדערע עהנליכע קראנקהייטען, אונשעדליך פאר'ן מאגען, הארץ און אנדערע ארגאנען. טאגאל שטילט נאר די ווייטאגען אבער דערשטיקט אויך אין קערן די אלע חולאת'ן! דעריבער האט מען אפילו ביי כראנישע פאלען דערגרייכט מיט טאגאל איבערראשענדע רעזולטאטען. און ווען נאך טויזענדער דאקטוירים פערשרייבען טאגאל קען דאך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטעל קויפען. פראבירט נאך היינט, פאדערט אבער וויראזשנע נאר טאגאל! צו בעקומען אין אלע אפטייקען!

(28 די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העבראעיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

די גאנצע צייט האט מען נישט אויפגעהערט צו זוכען ראזא'ן, דער גובערנאטאר מאראניא האט געטהון אלעס וואס ער האט נאר געקענט, ער האט ארויסגעשיקט שטעק - בריעף אין גאנצען געגענד, עס האט דערגרייכט אזש ביז רוים, אבער קיין שום שפור איז פון ראזא'ן נישט ענטדעקט געווארען אזוי ווי זי וואלט אין וואסער אריין געפאלען.

דער באראן איז געווען אויפ'ס העכסט פערצווייפעלט, ער מיט זיין פרוי זיינען ארומגעגאנגען ווי משוגע, צוליעב דעם פערשוואונדען פון זייער טאכטער, אויך וויקטאר האט נישט אויפגעהערט טאג און נאכט צו טראכטען און צו זוכען מיטלען ווי אזוי זיין געליעבטע צו געפונען. יעדען אוונט נאך דער ארבייט פלעגען וויקטאר און מרים געהן צום באראן און גאנץ אפט פלעגען זיי אלע זיך געפונען ביים גובערנאטאר מאראניא וואו זיי האבען זיך בעראטען, אבער אלעס אומזינסט, עס זיינען אוועק דריי מאנאטען, אהן דער מינדסטער ידיעה.

פיעל מאל פלעגט דעם באראן ווי אויך וויקטאר'ן קומען אויפ'ן געדאנק אויב עקיבא'ס האנד שטעקט נישט אין דעם, ווארום וועגען קיין אנדערען האבען זיי נישט געקאנט טראכטען, עקיבא איז געווען דער איינציגער וואס האט אמאל פערלאנגט פון באראן ראזא'ס האנד, און מען האט געוואוסט אז ער איז אויף אלעם פעהיג, אבער זעהענדיג ווי עקיבא זיצט רוהיג אין מיילאנד און פיהרט זיינע געשעפטען, האט קיינעם נישט געקענט קומען אויפ'ן געדאנק אז ראזא זאל זיך געפונען געפאנגען ביי איהם, און אז ער בעזוכט זי פון צייט צו צייט, אזוי ווי עס איז פאקטיש געווען.

.19

און די אומגליקליכע ראזא האט זיך געפונען אין רוים.

נאך דעם געשפרעך וואס עקיבא האט מיט איהר געהאט אויפ'ן וועג, ווען ער האט פון איהר פערלאנגט אז זי זאל מיט איהם שטעלען א חופה און געזעצליך חתונה האבען, וואס זי האט איהם קאטעגאריש אבגעזאגט, האט דער אויסוואורף בעשלאסען אז ער מוז זי ווייטער האלטען געפאנגען ביז זי וועט זיך אונטערגעבען, און ער האט זי אוועקגעפיהרט קיין רוים.

אין רוים האט דער רייכער עקיבא געהאט געגנוג בעקאנטשאפט, און איינער פון זיינע פריינד האט איהם בעקענט מיט א אויפזעהער פון א קלויסטער וועמען עקיבא האט איבערגעבען ראזא'ן אז ער זאל זי האלטען אין קלויסטער אזוי לאנג ווי עקיבא וועט פערלאנגען, פאר וואס ער האט דעם אויפזעהער געגעבען א גרויסע סומע געלד.

דאס איז געווען איינער פון די גרעסטע קלויסטער'ס מיט וועלכע רוים איז אזוי רייך. עס האבען זיך דארט געפונען צעהנדליגער געביידעס מיט הונדערטער צימערן, און ראזא איז געווען פערשפארט אין איין קליין צימערל אויף א טורם וואוהין קיינער איז נישט צוגעקומען, און קיין לעבעדיגער מענש האט נישט געוואוסט אז זי געפונט זיך דארט.

עקיבא האט געזאגט אז עס זאל איהר גארנישט פעהלען, דאס צימער איז געווען געגנוג בעקוועהם, און עסען האט מען איהר אריינגעגעבען דאס בעסטע, אבער האט זי זיך צו קיין זאך נישט צוגעריהרט, און זי איז פון טאג צו טאג געווארען שוואכער אזוי אז זי האט זיך דאס לעבען פערווינשען.

יעדע וואך פלעגט עקיבא צו איהר קומען, ער האט זיך ביי איהר געבעטען אז זי זאל זיך אונטערגעבען, מיט די בעסטע ווערטער האט ער איהר פארגעשטעלט אז זי וועט ביי איהם זיין די גליקליכסטע, אבער ראזא האט נישט געוואלט הערען, און שפעטער האט זי זאגאר אויף זיינע ווערטער נישט געענטפערט, נאר זי איז געזעסען ווי שטום, ביז ער איז אוועק און פערשלאסען אונטער זיך די אייזערנע טיער.

עקיבא האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען וואס צו טהון מיט ראזא'ן, ער האט דאס מיידעל ליעב געהאט, און ער האט גוט געזעהן ווי שטארק זי איז איינגעשפארט, און ווי זי געהט אויס ווי א ליכט, עס זיינען געווען מאמענטען ווען ער האט שוין געטראכט זי צו בעפרייען, אויב זי וועט איהם שווערען נישט צו ענטדעקען וואס מיט איהר איז פארגעקומען, אבער באלד האט ער זיך בעזינען אז ער וועט נישט קענען איבערהאלטען זעהענדיג ווי ראזא האט חתונה מיט וויקטאר פעלדמאן, און אלס נקמה, מוז ער זי האלטען, אפילו ווען זי זאל דא שטארבען.

דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען מיט דעם אויפזעהער פון קלויסטער וועלכער האט ראזא'ן איינגעשפארט.

דאס איז געווען א העכסט פערדארבענער מענש, וועלכער איז געווען ווייט פון רחמנות, זיין הארץ איז שוין לאנג געווען פערשטיינערט, איבערהויפט ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א יודיש קינד. ער האט שוין אין דער צייט פון זיין אמט געגנוג יודישע מיידלעך געהאלטען אונטער'ן שלאס, און זייערע געוויינען און געשרייען זיינען ביי איהם געווען ווי א שעהנע מוזיק וואס האט איהם געוויילט, אבער פארט זיינען געווען צייטען ווען א געפיהל פון חרטה האט איהם בעהערשט, פארוואס ער פייניגט דאס אונשולדיגע מיידעל.

איבערהויפט פלעגט דאס טרעפען ווען ער איז אמאל אריינגעקומען צו ראזא'ן אין קאמער, ווי עקיבא האט איהם בעפוילען, כדי מיט איהר צו רעדען און זי איבערצייגען, אז ס'איז פאר איהר גלייכער זיך אונטערצוגעבען, ראזא האט דאמאלס צו איהם גערעדט אזאלכע בעטענדע ווערטער, זי האט אויף דעם מענש געקוקט מיט אזאלכע פערצווייפעלטע אויגען, אז זאגאר דער דאזיגער אלטער אונמענש האט נישט געקענט איהרע בליקען פערנעמען, און מורא האבענדיג אז זי זאל איהם נישט בעהערשען, איז ער שנעל ארויס פון צימער.

אבער איינמאל ווען עקיבא איז צו איהם געקומען, וועלענדיג אז ער זאל איהם פיהרען צו ראזא'ן אין צימער האט דער אויפזעהער צו איהם געזאגט:

איך מוז אייך זאגען מיין הער, אז איהר מוזט אומבעדינגט מאכען א ענדע מיט דער דאזיגער געשיכטע, איך קען דאס פריילין מעהר נישט האלטען, דאס הארץ טהוט מיר וועה, און אויב איהר וועט נישט דאס ערלעדיגען וועל איך זיין געצווינגען זי צו בעפרייען.

עקיבא איז ערשטוינט געווארען העהרענדיג די ווערטער און ער האט ביי זיך געטראכט אז דאס זאגט דער אויפזעהער אזוי כדי פון איהם צו בעקומען מעהר געלד, און ער האט צו איהם געזאגט:

אפשר איז אייך נאך וויניג דאס געלד וואס איהר בעקומט? איך האב דאך אייך שוין געגעבען א פערמעגען.

עס געהט נישט אין געלד מיין הער, נאר אין מיין געוויסען.

אין אייער געוויסען? — האט עקיבא ווידערהאלט איראניש — זינט ווען איז דאס אייער געוויסען געווארען אזוי ריין? פארוואס בעפרייט איהר נישט דעם מאן וואס זיצט הינטען אין קעלער?

וואסערע מענש אין קעלער? — האט דער אויפזעהער ווי דערשראקען איבערגעפרעגט.

איך מיין אין קעלער אונטער דעם זעלבען טורם ווי דאס מיידעל זיצט, פון וואנען איך הער שטענדיג שרעקליכע זיפצען און קרעכצען, פון וועלכע איך דערקען אז דארט זיצט א יוד.

וואס פאלט אייך איין.

איך האב קיין טעות נישט און איהר וועט מיך נישט אבנארען—האט עקיבא געזאגט—איך בין גרייט אייך צו געבען א גרויסע סומע און זאגט מיר ווער דארט זיצט.

הערענדיג אז עקיבא וויל איהם געבען געלד איז דער וועכטער עטוואס ווייכער געווארען, אבער ער האט צו איהם געזאגט: ווען איהר זאלט מיר אפילו געבען א פולע שטוב מיט געלד וועל איך אייך דאס אויך נישט זאגען. דאס איז א געהיימניס פון וועלכער עס ווייסען נאר געצעהלטע אנפיהרער פון קלויסטער און מיט מיין איין ווארט וועגען דעם בין איך. פערלוירען.

עקיבא'ן איז אייגענטליך נישט געגאנגען אין דעם צו וויסען ווער דארט זיצט, ער האט בלויז געוואלט מיט דעם בעצווייזען דעם אויפזעהער אז ער ווייסט אויך א סוד, כדי ער זאל איינשטימען צו האלטען ראזא'ן און דאס איז איהם געלונגען.

אבער דעם לעזער וועט יא זיין אינטערעסאנט צו וויסען ווער עס איז געווען דער געפאנגענער וואס איז געזעסען אין זעלבען טורם ווי ראזא.

(פארטז. קומט).

די גיפטיגע פּרוכטען.

די אַנטיסעמיטישע העצע וואָס ווערט לעצטענס געפיהרט ביי אונז אין פּוילען דורך די נאָוואַטשינסקי'ס וכדומה, די פערסמ'טע זאַמען וואָס ווערען דורך זיי איינגעזייהט אין די הערצער פון זייערע צוהערער, געבען פון צייט צו צייט זייערע גיפטיגע פּרוכטען. — די פערשידענע אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען וואָס קומען פאָר אין פערשידענע פונקטען פון לאַנד, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער פאָרם.

אָממעהרסטען געפינט איהר ; אָבקלאַנג די אַנטיסעמיטישע העצע, און ווירקט אַמבולטססטען ביי דער פּוילישער יוגענד, פון ענדעקישען חדר, ביי דער כלומרשט נאַציאָנאַלער יוגענד, איבערהויפּט ביי די אַקאַדעמיקער, די תלמידים פון די הויך-שולען, וועלכע דאַרפען זיין די פּילאַרען פון דעם צוקונפטיגען דור.

עס איז שווער צו געפונען די ריכטיגע סבות פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, מען קען געוויס נישט בעהויפּטען, אַז אין די דאַזיגע הויך-שולען ווערט געפּרעדיגט שנאה און האָס צו די מיטבירגער פון אַנדערע, נישט - פּוילישע, נאַציאָנאַליטעטען וועלכע זענען אַזעלכע לאַיאַלע בירגער ווי די קריסטליכע פּאַלאַקען. עס לאָזט זיך נישט גלויבען אַז די פּראָפעסאָרען, און די רעקטאָרען פון די אוניווערזיטעטען זאָלען אַלע זיין אַנטיסעמיטיש געשטימט, און אַז זיי בעאיינפלוסען דאָס זייערע תלמידים, און ערציהען זיי אין אַנטי - יודישען גייסט. איבערהויפּט איז בעוואוסט אַז צווישען די פּראָפעסאָרען געפונען זיך געוויס יודען-פריינד, וועלכע האָבען צו זייערע יודישע שילער די בעסטע בעציהונג, אָבער אַ פאַקט איז, צום בעדויערן, דאָס וואָס די אוניווערזיטעטען זענען כמעט אין אַלע לענדער, וואו דער אַנטיסעמיטיזם געפונט זיך, דאָס אָרט וואו די שנאה צו יודען ווערט געפלעגט און אויפגעהאָדעוועט.

אַנדערע ווילען געפונען די סבה אין דעם וואָס די יודישע סטודענטען זענען מעהר פעהיג, אַז זיי מאַכען בעסערע פאָרטשריט אין די למודים, וואָס עס רופט אַרויס קנאה מצד זייערע נישט-יודישע חברים, מען וויל אויך בעהויפּטען אַז די שנאה נעמט זיך פון דעם וואָס אייגענטליך זענען שוין איצט אויך פערהאַנען צופיעל דיפּלאָמירטע: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, און אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס, און ווייל די יודישע שטודירענדע יוגענד ווירקט מיט אַז דער איבערפלוס זאָל זיך וואָס אַמאָל אַלס מעהר פערגרעסערען, זעהען די פּוילישע אין זיי דעריבער געפעהרליכע קאָנקורענטען. אָבער דאָס אַלעס זענען נאָר השערות, וועלכע האָבען קיין גרונד נישט, אָבער ווען אַפילו די סבות זאָלען זיין טאַקי די אויבענאויסגערעכענטע האָבען מיר אויך נישט קיין מיטלען זיי צו בעזייטיגען.

פערקעהרט, די יודישע לאַגע, דער מצב פון דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, איז אַזאַלכער אַז די יודישע יוגענד מוז זיך וואָס מעהר שטופּען אין די הויך-שולען, ווארום אין דער צייט ווען פאַר דער נישט-יודישער יוגענד זענען אָפען אַלע וועגען, זיי בעקומען מלוכה-פּאָסטענס, אָזן ווערען אָנגענומען אַלס אָנגעשטעלטע אין אַלע מלוכה'שע און קאָמונאַלע אַמטען, קען קיין יודישער יונגערמאַן וועגען דעם נישט טראַכטען, גאָר ער מוז זיך אַליין אויסאַרבייטען : זיין עקזיסטענץ, ער מוז זיך מיט אַלע כחות שמיעדען זיין צוקונפט, און ער געפונט נישט קיין אַנדערן וועג ווי דורך אוניווערזיטעט בילדונג, דורך אַ דיפּלאָם, פון וועלכען ער רעכנעט צו האָבען אַ עקזיסטענץ, טראָץ דעם וואָס היינט צו טאָג איז דאָס אויך צווייפעלהאַפט, און בעזונדער איז דאָס אַ וועג פול מיט דערנער און אונגעהויערע שטרויכלונגען, ביז דער יודישער יונגערמאַן קען אין דער היינטיגער צייט קומען צום ציעל.

די אַקאַדעמישע יוגענד, גלויבט זיך, פיהרט כלל נישט איהר אַנטיסעמיטישע העצע צוליעב אַ וועלכער ס'איז סבה, אָדער צוליעב אויסגערעכענטקייט, דאָס איז אַ געוועהנליכע הפקרות, דאָס איז אַ געוועהנליכער כוליגאַנישער אינסטינקט וואָס האָט זיך פערשלעפּט אין די הויך-שולען און פון וועלכען דער רוב ווערט אָנגעשטעקט און פערגיפטעט.

ביי די לעצטע סטוד'ענטען אונרוהען וואָס זענען פאָרגעקומען . אין קראָקאַ און וואַרשאַ, ווען די כוליגאַנישע אַקאַדעמיקער זענען בעפאַלען די יודישע סטודענטען און סטודענטינס און זיי מערדערליך געשלאָגען, האָבען זיי פּלומרשט אַרויסגערוקט אַלס סבה די מתים-פראַגע, אָבער מיר ווייסען דאָך אַז דאָס איז נאָר אַ אויסרייד, ווארום מיר זענען דאָך געוואוינט צו זעהען לעצטענס ביי יעדען אָנהויב פון שול-יאָהר די זעלבע טרויריגע ערשיינונג, און יעדעס מאָל ווערט אַרויסגערוקט אַ אַנדערער מאָטיוו, וועלכער זאָל בערעכטיגען זייערע ווילדע מעשים.

און בעיקר איז דאָך בעוואוסט אַז מיט זייער אַרויסרופען אונרוהען זענען זיי נישט אויסען בלויז צו טרעפען די יודען, נאָר זיי האָבען אַ פיעל „העכערען" ציעל, און די יודען זענען נאָר ווי מען זאָגט דאָס „כפרה היהנדעל", דער שעיר לעזאזל, די דאָזיגע פינסטערע עלעמענטען ווילען מיט זייערע וויסטע סקאַנדאַלען אַרויסרופען אין לאַנד אונאָרדנונג, רעכנענדיג אַז דאַמאָלס, אין שעת חירום, וועלען זיי, די כוליגאַנישע העלדען, זיין פריי צו טהון וואָס זיי זענען אויסען.

דאָס זענען די גיפטיגע פּרוכטען וואָס זענען אויסגעוואַקסען אַלס ווילדע געוויקסען פון די זאַמען וואָס עס האָבען איינגעזייהט די שונאים פון פּוילען, די וואָס קענען נישט און ווילען נישט זעהען אַז אין לאַנד זאָל זיין רוהיג, און מען זאָל געמיינזאַם קענען טראַכטען צו בעזייטיגען דעם קריזיס.

אָבער די וואָס האָבען די מאַכט אין זייערע הענד וועלען געוויס אָננעמען די נויטיגע מיטלען אויסצוּוואָרצלען די ווילדע זאַמען און די פון זיי אַרויסגעוואַקסענע גיפטיגע פּרוכטען.

בן-חיים.

צו ראַטבוים'ס בילדער = אויסשטעלונג אין טשענסטאָכאָווע.

יעקב ראַטבוים האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זיינע פּאָרטרעטען אַלס קינסטלער מיט אַ אידעע און געוויסען צוגאַנג צו די אָביעקטען, וועלכע ער מאָלט. אָבער זיין אין אַ געוויסער מאָס טענדענציעזקייט האָט נישט געמינערט די קינסטלערישקייט פון זיינע געמעלער. פערקעהרט, זי האָט זיי נאָך אין פיעל פאַלען פערשטאַרקט, ווייל ראַטבוים קלויבט אויס געגענשטאַנדען און מאָדעלען, וועלכע ענטשפּרעכען זיין וועלט-בענעהם, זיין גרונד:געדאַנק און אויף זיין ראַטבוימישען שטייגער ברענגט ער זיי אַרויס בולט און קלאָר.

ראַטבוימען אינטערעסירען אַממיינסטען סאָציאַלע טיפּען. צו דער גרופּע געהערען די פּאָרטרעטען פון פּויערים, פון אַרבייטסלאָזען, מעקלער, טרויעריגער יוד, שדכן, ספּעקולאַנט (לעצטע צוויי — מאַסקעס פאַר'ן מאָסקווער טעאַטער) א"א. אין די טיפען פון יודישע לופט-מענשען שפּיגעלט זיך אָב די גאַנצע באַדענלאָזיגקייט, צוגלייך מיט די קאָמבינאַטאָרישע פעהיגקייטען, און די לאַגע פון דער שיכט, וואָס האָט נישט קיין מאָרגען, ביי וועמען עס „דאַרט דער מוח" (די קנייטשען!) „צו וואָס זיך צו כאַפּען". כאַפּען אַנ'איבערגעברענטע שטרויי, כאַפּען פון לופט, כאַפּען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דערלויבען איבערצוכאַפּען דעם אָטעם פון דער אונענדליכער יאָגעניש, פּלאָנטערניש, ציעללאָזיגקייט און פּוסטקייט. וו.ט.

א קאַזשמיזשער יוד.

כשוף-מאַכערין (באָבע יאַכנע) גאָלדפאַדענ'ס, געשפּילט אין מלוכה-טעאַטער אין מאָסקווא.

דירה-פערמיטלער (קאַזשימיעזש).

קרן היסוד, זיין טעטיגקייט און פערספּעקטיוועז.

פאָרטראַג פון ה' ל. יפה אויף דער זשורנאַליסטען - צוזאַמענקונפט אין נהלל.

(פאָרטזעצונג)

אויב מיר וועלען נעמען אין בעטראַכט די אומגעהויער פערשווערטע לאַגע פון דעם יאָהר אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע יאָהרען, וועלען מיר נישט געפונען קיין ירידה אין אונזער אַרבייט. עס וואָלט ריכטיגער געווען צו בעצייכנען די רעזולטאַטען אַלס עליה, יעדענפאַלס אַלס אויפהאַלטען די פּאָזיציעס. מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז כדי צו בעקומען אַ סומע פון £270,000, דאָס וואָס מיר האָבען עררייכט אין דעם לעצטען יאָהר, האָט זיך געפאָדערט אָנשטרענגונגען מעהר ווי עס איז נויטיג צוריק מיט דריי יאָהר אויף צו בעקומען אַ האַלבען מיליאָן פונט און מעהר.

און אויב דער קרן היסוד איז נישט געשטרויכעלט געוואָרען אויך אין אַזעלכע יאָהרען, און אויב ער האָלט פעסט זיינע פּאָזיציעס, און זעצט פאָר זיין אַרבייט, איז דאָס נאָר אַ דאַנק דעם גרויסען כח פון אונזער לאַנד און דער טרייער צוגעבינדענקייט פון דעם פאָלק צו זיין לאַנד. אָבער אַ בעזונדער זכות האָבען אונזערע שליחים און פערטרעטער אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפאַלען צו שטעהן אויף דעם שווערסטען פּלאַץ פון אונזער פראָנט, וואָס האָבען אָנגעפיהרט די אַרבייט מיט זעלבסט-אָפּפערונג, נישט רעכנענדיג זיך מיט קיין שטערונגען, וואָס זענען אָפט געווען געצוואונגען צו אַרבייטען אין אַ שווערער פערגיפטעטער אַטמאָספערע פון אומגערעכטע בעשולדיגונגען, פערלוימדונגען און העצע. דאָס איז דער פערדינסט פון אונזערע קאָמיטעטען, אינסטרוקטאָרען און מיטאַרבייטער אין יעדען לאַנד און אין יעדען ווינקעל. דאָס איז דער פערדינסט פון דעם „אומבעקאַנטען" קרן-היסוד עסקן, וואָס אַרבייט שטיל און בעשיידען און מיט אַ אויסערגעוועהנליכער איבערגעבענקייט. דאָס איז דער פערדינסט פון די אַלע, וואָס ברענגען אין יעדען יודישען הויז די בשורה פון ארץ-ישראל און פון דער יודישער אויפלעבונג, וואָס קומען פון אַ אָרים פאָלק און מאָנען און בעקומען ביי איהם אָהן שום צוואַנגס-מיטעל דעם נאַציאָנאַלען שטייער פאַר אונזער פאָלק און דעם אויפבוי פון לאַנד.

מיר זענען נישט צופרידען מיט אונזער אַרבייט, מיר זענען נישט קיין שמחים בחלקנו. אַ געפיהל פון אומרוהע און פון אומצופרידענהייט דריקט אויף אונז און מאָנט ביי אונז. וואָס בעדייטען די רעזולטאַטען אין פערגלייך מיט די בעדערפנישען פון ישוב און פון אונזער ווערק? וואָס זענען זיי אין פערגלייך מיט דעם כח און ענערגיע וואָס עס איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין אונזער אַרבייט. מיר מאַטערן זיך אָהן אַ אויפהער און זוכען וועגען צו פערשטאַרקען און פערפעסטיגען די אַרבייט פון קרן היסיד. מיר מוזען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

שווער, זעהר שווער, צו קומען אין אַ צייט, ווען אַ וועלט ראַנגעלט זיך פאַר'ן קיום און שטרענגט זיך אָן מיט די לעצטע כחות זיך צו דערהאַלטען ביים לעבען, אָט אין אַזאַ צייט קום און דערצעהל וועגען דאָרט קליינִיגקייטען, וואָס איז פערלאָפען אין אַ שטיבעל אָדער אין אַ מנין. הא, וואָס זאָגט איהר דערצו? טראַכט איך אָבער ביי זיך, טאָ וועגען וואָס דען זאָל איך שרייבען? אפשר וועגען די זעלבסטמאָרדען, וואָס ווערען פון טאָג צו טאָג אַלץ נאַטירליכער און אָפטער, אַזוי אַז ווען אַ פרוי צוקריגט זיך מיט איהר מאַן סמ'ט זי זיך, טאָמער דאַכט זיך אויס אַ סוחר אַז ער וועט נישט האָבען צו צאָהלען, שיסט ער זיך, אָדער אַ שילער וואָס האָלט נישט אויס דעם עקזאַמען וואַרפט זיך אונטער דער באַהן, אָט וועגען אַזעלכע פאַרפאַלען וואָלט איך געקענט אָנפילען מיין „וואָס געהערט און געזעהן".

— ניין! זאָג איך אָבער, וועגען די דאָזיגע טרוסען, וואָס אַנטלויפען פון לעבען, וויל איך נישט פערנעמען קיין איין שורה און איך וועל מיר געהן מיין אויסגעטראָטענעם וועג און פערצייכענען מיט'ן בליישטיפט די געשעהענישען פון דער וואָך און אין זיי וועט דער לעזער געפונען די מעשים, וואָס קומען פאָר ביי אונז, אין אונזער לעבען.

איך וויל זיי נישט בעפאַרבען, נאָר נאָקעט אַזוי ווי זיי זענען.

אָט הויב איך אָן:

אונזער קהלה.

לעבט נאָך אַלץ איבער אַ בין-השמשות שטימונג, נישט פליישיג און נישט מילכיג, נישט זי האָט אַ פּרוצעס מיט אַ פערוואַלטונג און נישט זי האָט נישט... עפּיס יאָ און עפּיס נישט...

מען האָט שוין אַפילו צוזאַמענגערופען דעם ראַט, וואָס איז יאָ קאָנסטיטואירט און מען האָט אויסגעאַרבייט אַ מעמאָריאַל צו דער אויפזיכטס-מאַכט מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל בעשטעטיגען דאָס פּרעזידיום, ווארום אויב אונזער קהלה האָט געוויסע פונקציעס אויסצופיהרען, טאָ ווי איז דאָס מעגליך אַז זי זאָל גאַנצע 5 חדשים (ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וועט נאָך דויערן) זיין אָהן אַ אויספיהר אָרגאַן.

לויט דער פעראָרדנונג, דאַרף דער בודזשעט אויפ'ן קומענדען יאָהר ווערען פערטיג דעם 1-טען אָקטאָבער און אָט האַלטען מיר שוין דעם 6-טען דעם עלפטען און מען קאָן נאָך נישט וועגען דעם אָנהויבען צו רעדען.

ווי איהר זעהט, זענען די יודישע קהלות נישט אַזוי חשוב, אַז מען זאָל זיך מיט זיי שטאַרק פעראינטערעסירען... איבריגענס, מאַכען מיר לעצטענס אונזערע קהלות אַליין צו שאַנד און שפּאָט, מיר אַכטען אַליין נישט אונזער העכסטע רעפּרעזענטאַנץ, טאָ ווי אַזוי זאָל מען אונז רעספּעקטירען?

מיר זענען פיזיש אין גלות און אויך אונזער גייסטיג לעבען איז איין שטיק גלות, דערווייל קומען אָן קלאַנגען, אַז די מקוה איז פערנאַכלעסיגט געוואָרען און די מקוה געהער שעלטען די דאַזאָרעס און די גאַנצע קהלה פאַר זייער — נישט אַרבייט.

און פאַרוואָס בלויז די מקוה, און אַנדערע אינסטיטוציעס ווערען נישט פערנאַכלעסיגט?

אַ פּערמעגען, דאָס יודישע פּערמעגען אין טשענסטאָכאָוו, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען מיט אַזוי פיעל מיה און אַרבייט אין משך פון יאָהרען געהט אונטער און... גאַרנישט.

אָט אַזוי זעהט אויס אונזער קהלה.

עס מאַכט זיך...

איך מיין דאָס וועגען דער צווייטער וויכטיגער אינסטיטוציע, וואָס ווערט געשאַפען ביי אונז אין שטאָדט, דער הילפס-קאָמיטעט פאַר פּרנסה-לאָזע יודען.

איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבייט פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט, וואָס אַרבייט שוין עטליכע וואָכען און איך האָב געוואויר געוואָרען, אַז — אַז עס איז נישט אַזוי לייכט די דאָזיגע הילף אויסצופיהרען.

אמת איז, אַז די נויט איז גרויס און פון טאָג צו טאָג ווערט זי אַלץ גרעסער און שרעקליכער, איבערהויפּט איצט, ווען עס געהט ווינטער, אָבער, אָבער עס איז לייכטער צו קריטיקירען ווי עפּיס צו טהון.

ווי עס אינפאָרמירט מיך איינער פון די עקזעקוטיוו-מיטגלידער, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז גרינגער צו פערטיילען ווי צו זאַמלען. ווען דער קאָמיטעט האָט אַדורכגעקוקט די ליסטע פון די היגע גבירים ביי וועמען מען קען זאַמלען געלט, איז זיי פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען. וואו זענען אַהינגעקומען די אַמאָליגע גבירים פון פאַר דער מלחמה ווען טשענסטאָכאָוו האָט געצעהלט אַ היבש ביסעל נגידים, וואָס האָבען פערמאָגט העכער פון הונדערט און פופציג טויזענד רובל, וואו זענען זיי אַהינגעקומען, היינט צאָהלען אין טשענסטאָכאָוו עטאָט מעהר ווי הונדערט זלאָטעס, סך הכל קנאַפּע הונדערט און פופציג מאַן.

אמת איז, אַז דער עטאָט איז נישט ריכטיג פערטיילט (דאָס איז מיין מיינונג און אויך די מיינונג פון אַסך היגע יודען) אָבער יעדענפאַלס כאַראַקטעריסטיש איז עס אַז די גבירים, וואָס מיר האָבען אַמאָל געהאַט זענען פערשוואונדען, און ווען מען געהט מאַכען אַ ליסטע ביי וועמען צו נעמען געלד פאַר די נויטבעדערפטיגטע ווערט קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצען.

לויט דער אויסרעכענונג דאַרף מען האָבען אין משך פון 6 חדשים כדי צו פערטיילען אַ מינימום פאַר די טויזענד יודישע נויטבעדערפטיגע, און ווער ווייסט צי זייער צאָהל איז נישט פיעל גרעסער, (אין אַ גוטער שעה זאָל איך עס אַרויסרעדען, צי זייער צאָהל וועט זיך חס ושלום נישט פערגרעסערען), דאַרף מען האָבען די סומע פון 90 טויזענד גילדען, טאָ ליבע פריינד פון וואַגען נעמט מען זיי?

אָבער פונדעסטוועגען פערזיכערט מען מיך טהוען זיי אַלעס וואָס עס איז מעגליך, עס זענען שוין פערטיילט געוואָרען זאַמעל - ליסטעס, אויך ווערט אויסגעאַרבייט אַנ'אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג, אַז זיי זאָלען געבען געלד.

וועט איהר דאָך פרעגען די אייביגע קשיא: יודען גיבען דאָך געלד, זיי גיבען דאָך דעם אַלגעמיינעם שטאָדטישען קאָמיטעט און פאַרוואָס זאָלען פון די געלדער נישט געניסען אויך יודען. איז דער ענטפער קלאָר און דייטליך: פון דעם שטאָדטישען קאָמיטעט קענען געניסען נאָר אַ ר ב י י ט ס ל אָ ז ע און יודען, הערט, יודען זענען דאָך נישט געווען קיין אַרבייטער, מען האָט זיי דאָך נישט געוואָלט צונעמען צו קיין אַרבייט. און ווען זיי האָבען שוין יאָ בעקומען אַרבייט איז עס אַלץ געווען אין קליינע וואַרשטאַטען, וואו דער אַרבייטסלאָזער געזעץ איז נישט חל געווען, זענען זיי דאָך הייסט עס, נישט קיין אַרבייטסלאָזע, וואָס זאָלען האָבען פערלוירען די אַרבייט, נו במילא קומט זיי נישט פון דער שטיצע, וואָס ווערט געזאַמעלט גאָר אין אַ גרויסער מאָס פון יודען.

אַזוי איז שוין אונזער לאַגע אויף אַלע געביעטען פון אונזער לעבען און במילא פּראַקטיצירט זיך עס שוין ביים אַרבייטסלאָזען קאָמיטעט אויך.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין הויבט דער געשאַפענער קאָמיטעט אָן זיין אַר-

אָבער די דאָזיגע ארבייט פערברייטע-
רען אין די גרעניצען פון קרן היסוד
און אין די פאָרמען וואס זענען אָנגע-
נומען געוואָרען און וואס האבען זיך
איינגעוואָרצעלט אין דעם פאָלקס-בע-
וואוסטזיין. מיר קענען נישט מיט
אַמאָל איבערשפּרינגען צו נישט אויס-
געפּרובטע וועגען, וואס זייער ריכטיג-
קייט איז נישט אויסגעפאָרשט און נישט
בעוויזען געוואָרען. אין דער לעצטער
צייט האָבען מיר פיעל עצות, פאָר-
שלאגען און פּראָיעקטען. דער אמ-
מייסטען בעקאַנטער פאָרשלאג פון דער
לעצטער צייט איז די קאָנקרעטיזאַציע.
מען זאָגט אונז אז אויב מיר וועלען
קומען צו דעם אָדער יענעם לאַנד מיט
א פאָרשלאַג, אז זי זאָל אויף זיך נע-
מען א געוויסען געביעט פון אונזער
ארבייט אין לאַנד, וועלען מיר האָבען
א גרעסערען ערפאָלג. מיר זענען נישט
קיין פּאַטריאָטען פון דעם קרן היסוד.
די פראַגע וואס שוועבט תמיד פאָר
אונזערע אויגען איז: וואס איז די
ריכטיגע אַקציע וואס קאָן געבען מעהר
ארץ ישראל. פאָר אונזערע אויגען
שטעהט שטענדיג דער הויפּט געדאַנק
פון קרן היסוד.

אויפ'ן יסוד פון דער ערפאַהרונג
וואס מיר האָבען עררייכט אין משך
פון יאָהרען אין אונזער ארבייט און
לויט אונזער קענען די לאַגע, גלויבען
מיר נישט, אז די לאָזונג פון א ספּעצ-
יעלען געביעט פאָר יעדען לאַנד וועט
מעהר ווירקען און דערגרייכען, ווי די
לאָזונג פון אונזער גרויסען און אַלגע-
מיינעם פאָנד, וואס איז איינגעוואָר-
צעלט אין בעוואוסטזיין פון די פאָלקס-
מאסען און וואס אויף איהם קוקט דאָס
פאָלק ווי אויף דעם פאָנד פון אונזער
גאַנצער אויפבוי ארבייט. דער פאָנד
וואס האָט צו בעזאָרגען אַלע בעדער-
פנישען פון אונזער נאַציאָנאַלען ווערק.
א ספּעציעלע אונטערנעמונג קאָן פי-
לייכט האָבען ערפאָלג אין א לאַנד
אָדער א שטאָדט, אויב מען וועט
דאָרט דורכפיהרען די אַקציע לטובת
די מענשען פון דעם אָרט, וואס זענען
אריבערגעפאָהרען אָדער זענען גרייט
אריבערצופאָהרען קיין ארץ ישראל.
אָבער וואוהין וועט אונז פערפיהרען
אזא וועג? אויב מיר זאָלען רעדען פון
דעם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט האָט
נאָך אונז קיינער נישט אויפגעקלערט
ווי לאָזט זיך אזא זאַך אָרגאַניזירען.
איין לאַנד וועט אויף זיך נעמען חנוך,
דאָס צווייטע געזונדהייטוועזען, דאָס
דריטע דעם אָדער יענעם קאָלאָניזאַצ-
יאָנס-געביעט א. ז. וו. ווי אזוי וועלען
די לענדער צווישען זיך פערטיילען
די אויסגאַבען? זאָלען מיר דאָס איבער-
לאָזען די מענשען אויף די ער-
טער, אז זיי זאָלען זיך אויסקלויבען
דאָס ווערק און געביעט, וואס איז
מעהר נאָהנט און ליעב צו זייער האַר-
צען, אָדער דער קאָנגרעס און די בע-
ראַטונג פון דער אגענץ וועלען אויף
זיי ארויפלעגען די אָדער יענע אויפ-
גאַבע. עס איז שווער זיך פאָרשטעלען
דעם כאַאָס וואס אזא סיסטעם קען
מיט זיך מיטברענגען. יעדעס לאַנד
און אפשר יעדע שטאָדט וועט זיך ווע-
לען אויסקלויבען די אויסגאַבע, וואָס
איז זיי נאָהנט צום האַרצען, אַזוי אז
עס וועלען נאָכדעם צוריקבלייבען אר-
בייטס געביטען אָהן בעלנים אויף זיי.
און וואס וועט זיין אויב אין דעם
אָדער אין יענעם לאַנד וועט די אַק-
ציע נישט געלונגען. ווער וועט דע-
קען דעם סכום וואס וועט פעהלען, און
ווער וועט אויף זיך נעמען דעם יאָך
פון די חובות, וואס זענען געמאַכט
געוואָרען כדי דורכצופיהרען פערשידע-
נע ארבייטען, און פון די פערפליכ-
טונגען וואס זענען אויף דעם קרן
היסוד אַרויפגעלעגט געוואָרען? מיר
פערשטעהן גאַנץ גוט די וויכטיגקייט
פון ספּעציעלע תרומות פון גרופּען און
פון איינצעלנע פערזאָנען וואס ווערען
געגעבען פאַר א בעשטימטען צוועק.
מיר האָבען אויך איצט א בעשטימטע
צאָהל פון אַזעלכע תרומות, און אין
יעדען אָרט, וואו עס איז דאָ א מעג-
ליכקייט צו געווינען אַזעלכע פּראָאינ-
טערעסירטע, זאָרגען דערפאַר אונזערע
שליחים. מיר ווילען אָבווישען דעם
אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער
פון קרן היסוד, וואס איז פאַר איהם
פאַראויס בעשטימט געוואָרען.

(סוף קומט).

אברהם שטשעקאַץ.

וועגען א יודיש פאָלקס-אוניווערזיטעט אין טשענסטאָכאָוו.

איידער איך וועל צוטרעטען בע-
האַנדלען דעם עצם-ענין, געפין איך
פאַר נויטיג מקדים צו זיין א קליינע
הקדמה.

מיט צוויי יאָהר צוריק, בעת מיר
זענען צוגעטרעטען שאַפען א יודישען
פאָלקס-אוניווערזיטעט אין אונזער שטאָדט,
האָט זיך, אין פלוג, אונז אויסגעדוכט,
אז דאס איז זעהר א לייכטע זאַך
אדורכצופיהרען. א זאַך, וועלכע נויטיגט
זיך לחלוטין נישט אין קיין ספּעציעלער
אָנשטרענגונג און מיהפּולער, אונאויפ-
הערליכער ארבייט, ווארום—האָבען מיר
זיך געטראַכט—דער וויסענס-דורשט איז
דאָך אין דער יודישער גאַס זעהר
גרויס; די יודישע יוגענד בכלל און די
ארבייטענדע מאַסען בפרט גאַרען און
לעכצען נאָך אביסעל וויסענשאַפט; בענ-
קען נאָך א רוהיג, שטיל ווינקעלע, וואו
עס ווערען בעהאַנדעלט פערשידענע
וויסענשאַפטליכע און סאָציאַלע פּראָב-
לעמען. דאריבער, נעהמענדיג דאס
אַלץ אין בעטראַכט, האָבען מיר גע-
מיינט, אַז מיר וועלען זיך אויף קיין
שום שוועריגקייטען נישט אָנשטויסען;
און—dictum factum—מיר האָבען צו-
נויפגעזאַמעלט די בעסטע יודישע אינ-
טעלעקטועלע כחות פון אונזער שטאָדט,
מענשען מיט העכערע בילדונג, יעדער
א ספּעץ אין זיין געביעט, וועלכע זע-
נען ענטגעגנגעקומען אונזער בקשה
צו בעטייליגען זיך אַקטיוו אין יודישען
פאָלקס-אוניווערזיטעט. די ביטערע ווירק-
ליכקייט האָט אונז אָבער, צום בעדוי-
ערען, ענטוישט. דער וויסענס - דורשט
צווישען דער יודישער יוגענד איז נישט
אזוי גרויס, ווי אונז האָט זיך אין פלוג
אויסגעדוכט; צווישען דער היגער יודי-
שער בעפעלקערונג האָט געהערשט א
גלייכגילטיגקייט און אַפּאַטיע לגבי אונ-
זערע איבערמענשליכע אנשטרענגונגען
און ארבייט צו פערשפּרייטען וויסענ-
שאַפט און ליכט אין דער יודישער גאַס,
דאס אַלץ האָט אונז אָבער נישט אָב-
געשראָקען, וויסענדיג, אַז סוף-כל-סוף,
טראָץ די אַלע שוועריגקייטען און ענ-
טוישונגען, וועט אונז געלונגען אדורכ-
צוברעכען די מויער פון גלייכגילטיג-
קייט, אויף וועלכער מיר שטויסען זיך
אָן מצד דער היגער יודישער געזעל-
שאַפט—און מיר האָבען פאָרטגעזעצט
ווייטער אונזער ארבייט. איצט טרעטען
מיר ווידער צו צו עפענען דאס פאָלקס-
אוניווערזיטעט, אָבער—רייכער אין ער-
פאַהרונגען, פעסטער—אין ווילען, קענענ-
דיג אדורך-און-אדורך די ווירקליכקייט
און נישט אָבשרעקענדיג זיך פאַר איהר.

היינט, בעת עס בושעוועט אין דער
יודישער גאַס אזא מורא'דיגע הפקרות;
בעת עס גראַסעוועט ביי אונז, וואו
מען ווענדט זיך און קעהרט זיך, אזא
שרעקליכע עם-הארצות—איז, דוכט זיך,
איבריג צו ערקלערען די גרויסע בע-
דייטונג, וואס עס האָט א פאָלקס-אוני-
ווערזיטעט, וועלכע האָט די אויפגאַבע
צו פערשפּרייטען וויסען און ליכט צווי-
שען די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסען
פון יודישען פאָלק, ווארום עס איז
דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אז מיר נוי-
טיגען זיך אין אזא אינסטיטוציע, ווי
יעדער מענש נויטיגט זיך אין לופט צו
אָטעמען, בפרט אין אונזער שטאָדט,
וואו עס פיהלט זיך אָנ'אונגעהויערער
מאַנגעל אין א יודישען קולטור-ווינקעל.

ווילענדיג-נישט-ווילענדיג דערמאָנען
מיר זיך אין דעם אַלטען בעוואוסטען
אַנעקדאָט. מען דערצעהלט: בעת דער
גרויסער נאַפּאָלעאָן איז געקומען מיט
זיין שטאַרקער, צאָהלרייכער אַרמיי פאַר
די טויערען פון מאָסקווא, האָט ער א
גאַנצע נאַכט רעדאַגירט אָנ'אויפרוף צו
דער רוסישער בעפעלקערונג, אין וועל-
כען ער אַפּעלירט צו איהר, אַז ער איז
נישט געקומען, בכדי צו פערקנעכטען
זי, נור בעפרייען דאס רוסישע פאָלק
פון אונערטרעגליכען יאָך פון צאַראַט.
צומאָרגענס, נאָכ'ן פונאַנדערקלעבען דעם
דאָזיגען קול-קורא אין די גאַסען פון
דער שטאָדט, האָט ער אַרויסגעשיקט
זיין אַדיוטאַנט צו זעהען וואס פאַר א
רושם זיין אויפרוף האָט געמאַכט אויף
דער רוסישער בעפעלקערונג. דער אַד-
יוטאַנט, צוריקקומענדיג צו נאַפּאָלעאָ-
נען א נידערשלאַגענער, האָט איהם
געענטפערט: „נאַראָד ניע גראַמאָטני",
דאס הייסט: דאס פאָלק קען נישט לע-
זען און שרייבען: נאַפּאָלעאָן, דערהע-
רענדיג דאס, איז אריינגעפאַלען אין א
גרויסען יאוש, אויסשרייענדיג דערביי:
כאשר אבדתי, אבדתי, מיר, איך און
מיין אַרמיי, זענען פערלוירען — —

מיר זענען, אין א געוויסען זין, אין
רעמזעלבען מצב, וואס נאַפּאָלעאָן אַמאָל.
די גאַנצע אַרבייט און מסירות-נפש פון
די יודישע געזעלשאַפטליכע טהוער און
מנהיגים אין משך פון די לעצטע צעהנ-
דלינג יאָהרען; די גאַנצע אויפּלעבונגס-
בעוועגונג פון יודישען פאָלק און אַלץ,
וואס האָט א שייכות צו איהר וועט
געהן לאיבוד, אויב מיר וועלען זיך
נישט בעמיהען צו פערשפּרייטען, וואס
מעהר קולטור, וואס מעהר בילדונג און
ליכט צווישען די ברייטסטע אָרימסטע
שיכטען פון אונזער פאָלק. דאריבער
איז איצט א געבאָט פון דער צייט: צו
גרינדען א יודיש פאָלקס-אוניווערזיטעט
אין אונזער שטאָדט, פערהאָפענדיג, אז
די גאַנצע היגע יודישע געזעלשאַפט-
ליכקייט וועט ווארים אונטערשטיצען
די דאָזיגע קולטור-אינסטיטוציע, וועל-
כע מיר טרעטען צו צו עפנען.

ווארום: Esse et posse idem est
אזא פאָלקס - אוניווערזיטעט קען ביי
אונז, א דאַנק קליינע אָנשטרענגונגען,
עקזיסטירען; דען – עקזיסטענץ-מעגליכ-
קייט און עקזיסטענץ איז איינס און
דאס זעלבע – מען דאַרף נאָר צוטרע-
טען צו דער ארבייט.

די פאָלקס-צעהלונג.*)

ווי בעקאַנט קומט פאָר דעם 9-טען
דעצעמבער ה. י. אין גאַנץ פוילען א
אַלגעמיינע פאָלקס-צעהלונג. לויט די
פאָרברייטונגס-ארבייט זעהט זיך פאָר,
אַז די אידעע פון דער פאָלקס-צעהלונג
האָט אָנגעטראָפען א טיעפע פערשטענד-
ניש ביי דער גאַנצער בעפעלקערונג,
דען דער טאָג פון 9-טען דעצעמבער
ברויך צו ברענגען א פולשטענדיגען
נצחון דעם אויספיהר - אַפּאַראַט, און
גלייכצייטיג א מאָראַלישע צופרידענ-
הייט די ברייטע קרייזען פון דער בע-
פעלקערונג, וואס וועלען דורך דער
בירגערליכער טראַקטירונג פון די צעה-
לונגס-קאָמיסאַרען, צוהעלפען פעסטצו-
שטעלען אַלע נויטיגע און גענויע אינ-
פאָרמאַציעס בנוגע די איינוואוינער פון
אונזער לאַנד. די איצטיגע פאָלקס-צעה-
לונג, וואס איז א צווייטע אין דעם
מין, בעדייט אויסער א מאַניפעסטאַציע
פון דער נאַציאָנאַלער און בירגערלי-
כער איינהייט, אויך א אויסערגעוועהנ-
ליך-נוצבאַרע ערשיינונג פאַר דער נאַר-
מאַליזירונג פון אונזער ווירטשאַפטליכען
לעבען.

און מיט דעם געדאַנק, אָהן שום
אַנדערע טענדענציעזע כוונות טרעט צו
דער סטאַטיסטישער הויפּט-אַמט צו דער
צעהלונגס-אַקציע. די געזעלשאַפט ברויך
דעריבער, כדי צו פערלייכטערען די
אַקציע, ארויסוואַייזען איהר מיטהילף,
וואס בעשטעהט קודם-כל אין צוטרוי
צו דעם צעהלונגס - קאָמיסאַר, אז ער
וועט ערפילען זיין אויפגאַבע עהרליך
און לאיאַל.

פון דער ערשטער פאָלקס-צעהלונג אַן
ביז-איצט האָט אין פוילען זיך פיעל
געענדערט, די מלוכה - סטרוקטור האָט
בעקומען אַנדערע פאָרמען; דאס קולטו-
רעלע לעבען איז בעדייטענד אויפגע-
לעבט געוואָרען, אונזער פּרעסטיזש אין
אויסלאַנד איז געוואַקסען. מיט איין
וואָרט: מיר געהען כסדר פאָרווערטס.
און אָט איצט, ווען דאס לאַנד געפונט
זיך אויפ'ן וועג פון א בעסערען מאָר-
גען האָבען מיר נישט קיין אָהנונג: ווי-
פיעל מיר זענען? מיט וואָס פאַר א
פאָלקס-כח ברויכען מיר זיך רעכנען?
פון וועלכע חלקים בעשטעהט אַלץ דאס
גרויסע וואָרט: פויליש פאָלק?

אויף אָט די אַלע פראַגען מוז דער
טאָג פון 9-טען דעצעמבער ברענגען א
קלאָרע תשובה.

עהרליכע און אויספיהרליכע אינ-
פאָרמאַציעס אין דעם טאָג – אָט דאס
איז א מאָראַלישער חוב, וואס יעדער
בירגער אין לאַנד, מוז איהם ערפילען.
אויך מיר, די יודישע בעפעלקערונג,
ברויכען ענערגיש צוצוטרעטען צו דער
פאָלקס-צעהלונג און אַזוי אַרום עפענט-
ליך און ברייט צו דאָקומענטירען די
עקזיסטענץ - בערעכטיגונג אין פוילען.
מיר מוזען געדענקען, אַז די ווירט-
שאַפטליכע פּאָליטיק אין פוילען מוז
געענדערט ווערען, אַזוי, אַז זי זאָל
צופרידענשטעלען אויך די נאַציאָנאַלע
מינדערהייטען. אַלס יסוד פון דער דאָ-
זיגער נויטיגער ענדערונג וועט זיכער
דיענען דער רעזולטאַט פון דער יעצ-
טיגער פאָלקס-צעהלונג. די רעגירונג
וועט זיך מוזען לויט'ן דאָזיגען רעזול-
טאַט ריכטען און אָריענטירען אין אַלע
פראַגען. די צאָהל פון דער יודישער
בעפעלקערונג אין פוילען טאָר דערי-
בער נישט געמינערט ווערען.

דער טאָג פון 9-טען דעצעמבער ברויך
צו זיין א טאָג פון נאַציאָנאַלער און
בירגערליכער פליכט!

ד. פ. ן.

*) צוגעשיקט פונ'ם פרעסע-רעפערענט פון דער קעלצער וואָיעוואָדסטווע.

בייט.

עס מאַכט זיך שוין...

ווער האָט דעם פּאַטענט?

מיט די טאַנץ-אָווענדען געהט עס
גאַנץ נישט-קשה'דיג. יעדע וואָך קומען
פאָר טאַנץ - אָווענדען, וואס גיבען זיך
איין זעהר גוט און די איינאָרדנער
פערדינען דערביי געלד.

די לעצטע וואָך האָבען איינגעאָר-
דענט אזא טאַנץ-אָווענד די היגע רע-
וויזיאָניסטען אין זאַל פון „ראַזמאַאי-
טאָשטשי" א. נ. „בלוי-ווייסער באַל".
ווי זיי דערצעהלען האָבען זיי פאַר-
דיענט א היבשע סומע געלד.

די דאָזיגע פאַרדינטע סומע געלד
איז בעשטימט אויף א לאָקאַל, וואס זיי
געהען זיך דינגען, בכדי צו פיהרען
זעלבסטשטענדיג זייער ארבייט.

איז אָבער דאָ א מעשה, וואס פאַר-
דינט, אַז מען זאָל זי בעהאַנדלען.

די רעוויזיאָניסטען האָבען דעם אָווענד
א נאָמען געגעבען „בלוי-ווייס", וואס
עס איז פערשטענדליך. געפעלט דאס
אָבער נישט דעם ספּאָרט-קלוב אספלה,
וועלכער קומט מיט א טענה, אַז בלוי-
ווייסע אָווענדען געהערען צו איהם און
קיינער האָט נישט דאס רעכט אזאלכע
איינצואָרדנען און טאָמער האָט דאס יאָ
עמיצער געטהון, גיבען זיי צו וויסען
אַז די עפענטליכער מיינונג זאָל נאָר
נישט האָבען קיין טעות...

אויך גיט מען איבער האָבען זיי א
פּרעטענסיע צו דער „לירא", הלמאי זי
האָט געדינגען דעם זאַל פון די עוואַנ-
געליקער אַלס זייער לאָקאַל און דאָרט
אָרדנען זיי איין דאַנסינגען, אין דער
צייט ווען די „אספלה" האָט געהאַט א
חזקה דאָרט איינצואָרדנען דאַנסינגען.

מילא, דאס וואס זיי האָבען פּרע-
טענזיעס זענען זיי אפשר גערעכט,
עס וואָלט נאָר געווען א יושר צו ווי-
סען צי די „אספלה" האָט דעם עוואַנ-
געלישען זאַל ווי אויך די בלוי-ווייסע
אָווענדען פּאַטענטירט?...

די בילדער-אויסשטעלונג.

א גרויסער שאָד, וואס די יודישע
בעפעלקערונג בעציהט זיך אזוי קאַלט
צו דער הערליכער בילדער-אויסשטע-
לונג פון דעם קינסטלער יעקב ראַט-
בוים, וואס איז א זעלטענהייט פאַר
אונז טשענסטאָכאָווער.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין נאָכ-
אַמאָל אויף דער אויסשטעלונג דעם
פערגאַנגענעם זונטאָג און צופעליג גע-
טראָפען דאָרט א גרופּע פון דער גע-
זעלשאַפט „לינגוויסטען", וואס זענען
געקומען בעזוכען די אויסשטעלונג. איך
האָב געהערט די ערקלערונגען פון
קינסטלער וועגען יעדען בילד בעזונ-
דער און איך האָב אדורכגעלעבט 2
שעה גייסטיגען נחת-רוח.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין
נישט דער גרויסער בקי אויף דעם דאָ-
זיגען געביעט, אָבער די בילדער פון
יעקב ראַטבוים זענען אזוי בולט, אז
זיי רעדען אַליין פאַר זיך און שטעלען
מיט זיך פאָר א אינטערעסאַנט בלעטיל
פון דער יודישער ליטעראַטור און יו-
דישער קונסט. עס איז נאָר צום בע-
דויערען וואס א סך פון די בעזוכער,
(די געזעלשאַפטליכע טהוער) זענען אזוי
וויינציג בעהאַווענט אין דער יודישער
ליטעראַטור און מען מוז מיט זיי גוט
איינקנעלען וועגען יעדען פּאָרטרעט
בעזונדער.

אָבער ביי דער גאַנצער אַפּאַטיע
וואס הערשט אויף דער יודישער גאַס
איז דאָך ווערט צו בעגריסען וואס עט-
ליכע בילדער זענען פערקויפט געוואָ-
רען. עס וואָלט אויך געווען געוואונ-
שען, אַז אַנדערע זאָלען נאָכטהון דעם
ביישפּיעל און קויפען בילדער און אזוי
אַרום מיטהעלפען פערשפּרייטען און
אונטערשטיצען יודישע קינסטלער און
קונסט.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס איז אין טשענסטאָכאָוו נישט
פערהאַן א פאָר מענשען, וואס זאָלען
זיך פעראינטערעסירען מיט'ן העברע-
אישען בוך? אייגענטליך לדידי האָב איך
געדאַרפט דאס אָנפרעגען מכח דעם
יודישען בוך, נאָר וועגען דעם יודישען
בוך איז דאָך שוין אָבגערעדט, עס איז
ליידער נישטאָ אין דער בירגערליכער
געזעלשאַפט קיינער, ווער עס זאָל זיך
מיט דעם פעראינטערעסירען, אָבער
וועגען דעם העברעאישען בוך איז דאָך
געשאַפען געוואָרען א ספּעציעלע גע-
זעלשאַפט א. נ. „ידידי הספר העברי"
און האָבען איינגעאָרדענט א פאָרלעזונג
וואו עס האָבען געזאָלט ארויסטרעטען
א רייהע רעפערענטען און רעדען ווע-
גען דער בעדייטונג פון העברעאישען
בוך און גלייכצייטיג פּראָפּאַגירען די
אידעע פון העברעאישען בוך.

איז אָבער באַלד אויף דער ערשטער
פערזאַמלונג קיינער נישט געקומען און
די פאָרלעזונג איז נישט פאָרגעקומען.

פרעג איך זיך אָן מיט א פיעל בע-
דייטענדער פראַגע: פאַרוואָס?

וואס וועט פאָרט זיין?

די אַכראַנקע ביים „דאַבראָטשינ-
נאָשטש", וואס האַלט אויס מיט פריה-
שטיקען און מיטאָגען 260 אָרימע קינ-
דערלעך האַלט זיך ביים ליקווידירען.

אזוי האָט געמאָלדען די פערוואַלטונג
פון דער אַכראַנקע און צו דעם צוועק
איז צונויפגערופען געוואָרען א פאַר-
זאַמלונג פון אַלע עלטערן, וואו מען
האָט געזאָלט אַרומרעדען די גאַנצע
פראַגע, אַז: 1) ווען עס האָט זיך גע-
וואַנדען א דעלעגאַציע צום קאָמיסאַר
וועגען סובסידיום, האָט מען זיי געענט-
פערט, אַז אויסהאַלטען אזא אינסטיטו-
ציע איז א לוקסוס, 2) האָט מען גע-
זאָלט רעדען וועגען דעם, אַז דער מאַ-
גיסטראַט האַלט אויס 10 אַזעלכע אַכ-
ראַנקעס, טאָ פאַרוואָס איז עס נישט
קיין לוקסוס? 3) האָט מען געוואָלט
אויסוועהלען א דעלעגאַציע פון עלטערן
וועלכע האָבען געזאָלט געהען צום
שטאָדט-קאָמיסאַר און איהם אָנפרעגען
מכח דעם וואס איז דערמאָנט געוואָרען
אין פונקט 2. דערווייל האָט זיך אַרויס-
געוויזען, אַז אויף דער דאָזיגער פאַר-
זאַמלונג זענען נישט געקומען קיין
פאָרשטעהער פון דער פערוואַלטונג און
במילא איז פון דער גאַנצער פערזאַמ-
לונג גאָרנישט געוואָרען.

טאָ פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס
האָט די פערוואַלטונג נישט דעלעגירט
איהר פאָרשטעהער אויף דער עלטערן-
פערזאַמלונג? און וואס וועט פאָרט זיין?
צי וועלען מיר יודען דערלויבען, אַז
אין דער יעצטיגער שווערער צייט ווען
טויזענדער יודישע קינדערלעך הונגערן
און פריהרען וועט מען אַרויסוואַרפען
אויך די 260 קינדערלעך.

טראַכט גוט איבער און דערלאָזט
נישט דערצו. געדענקט, אַז דאס איז א
גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

דער קולטורעלער קאָנצענטראַציע-לאַגער.

אין היגען „איראָן", געוועזענע פאַב-
ריק „וואולקאַן", וואו מען האָט אַמאָל
אויסגעאַרבייט אייזערנע טעפּ, איז איצט
געוואָרען דער צענטער פון א רייהע
קולטורעלע געזעלשאַפטען.

די קוימענס זענען שוין לאַנג פאַר-
שטומט געוואָרען, דערפאַר הערט זיך
דאָרט איצט דאס פריהליכע געלעכטער
פון דער יוגענד און די הייסע דעבאַ-
טען פון די פערוואַלטונגס-מיטגלידער,
וואס דיסקוטירען וועגען די פונקטען
פון סדר-היום.

וויל איך פאַרצייכענען, אַז ביז-היינט
זענען פערהאַן אין די לאָקאַלען פון
„איראָן" פאָלגענדע אינסטיטוציעס:

לינגוויסטען-קלוב, וואו מען לערנט
זיך שפּראַכען (אויסער יודיש), דאָן די
„וואָרטאַ", וואו מען מאַכט גימנאַסטישע
איבונגען און מען אָרדענט איין אויך
דאַנסינגען און צום לעצט האָט אויך
געדינגען דאָרט א לאָקאַל די שטענדיג
דאַכלאָזע „לאַנדקענשאַפט-געזעלשאַפט",
וואו עס איז שוין פאָרגעקומען די ער-
שטע פערוואַלטונגס-זיצונג אין נייעם
לאָקאַל און אָנגענומען החלטות וועגען
דער ווייטערדיגער אַרבייט.

לויתן

שטימען פון לעזער.

א קאנקרעטער פלאן צו לעזען די עלעקטראווניע-פראגע.

איינע פון די וויכטיגסטע שטאדטישע פראגען וואס אינטערעסירט יעדען היגען איינוואוינער, אזוי די יודען ווי די נישט-יודען, איז געוויס די פערשאלטענע פראגע וועגען דער היגער עלעקטראווניע.

זינט די עלעקטראווניע איז ענטשטאנען און זי האט בעקומען פון דער שטאדט-פערוואלטונג איהר „בעריהמטע" קאנצעסיע, וועלכע האט ממש פערקנעכטעט אלע היגע בירגער צו דער דאזיגער „ליכטיגער" אונטערנעהמונג, זינט דאמאלס הערט מען נישט אויף אין אלע קרייזען צו רעדען מיט דער גרעסטער אויפרעגונג, קודם-כל וועגען דעם אונערהערטען פרייז, וואס די עלעקטראווניע נעמט פאר בעלייכטונג, וועלכער שטייגט איבער כמעט אלע שטעדט אין פוילען, און דאן וועגען די סקאנדאליעזע שיקאנען וואס זי מאכט אין בעצוג צו איהרע קאנסומענטען, דאס הייסט אין בעצוג צו אלע היגע בירגער.

און דאס צווייטע ווערט גערעכענט נאך אלס גרעסערער סקאנדאל ווי דאס ערשטע, ווארום געוועהנליך פערשטעהט מען, אז אויב מען האט א גוטען קונדע, וועלכער בעצאהלט פאר דער סחורה פיעלפאך דאפעלט, דארף מען מיט איהם כאטש אומגעהן מענשליך, דארף מען זיך צו איהם בעציהען, ווי מען בעציהט זיך צו א קונה, פון וועלכען מען האט פרנסה און דא איז גראד פערקעהרט, די קאנסומענטען ווערען בעהאנדעלט ווי די הינד און ווערען שיקאנירט דורך דעם קלענסטען בעאמטען אזוי ווי די עלעקטראווניע וואלט דער שטאדט געטהון בלויז טובות.

אבער ווי זאגט מען דאס א ווערטל: דער מענש טראכט און – יענער לאכט, די היגע בירגער טראכטען בלויז, קיין שום פאזיטיוועס ווערט נישט געטהון, און די עלעקטראווניע טהוט זיך דאס איהריגע, עס זענען שוין ענטשטאנען פערשידענע פראיעקטען, עס זענען שוין גערופען געווארען פערשידענע זיצונגען און בעראטונגען, עס זענען שוין געמאכט געווארען רעגיסטראציעס פון די בע'עולה'טע, אבער אלץ האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט און עס איז פערשטענדליך, אז די עלעקטראווניע זעהענדיג, אז פון אלע פלענער לאזט זיך אויס א בוידעם, ווערט זי ביי זיך נאך פעסטער און פערשטארקט נאך איהרע רעפרעסיעס.

און איך מוז דעריבער זאגען, אז שולדיג זענען טאקי מיר אליין. די טשענסטאכאווער בעפעלקערונג פון העכער הונדערט טויזענד נפשות האט זיך שוין לאנג געדארפט בעפרייען פון דער דאזיגער קנעכטשאפט און אויף בעפרייען זיך זענען פערהאן מיטלען, אמת נישט אזוי לייכט ווי עס זאגט זיך, אבער דער כלל קען אלץ טהון, מען דארף נאר האבען דעם גוטען און פעסטען ווילען און די עטליכע ענערגישע מענשען וואס זאלען זיך מיט דער זאך פערנעמען און דאן קען מען אלעס אדורכפיהרען.

איך וויל זיך דא נישט אבשטעלען אויף די אלע פלאנען וואס זענען אין דער היגער צייט שוין ארויסגעזאגט געווארען, ווי ארום צו צווינגען די עלעקטראווניע אז זי זאל „בעסער ווערען", ווי למשל דאס וואס איז געטהון געווארען אין א געוויסער שטאדט אז די איינוואוינער האבען ערקלערט אזא מין שטרייק וועלכער איז בעשטאנען אין דעם וואס יעדער בעמיהט זיך צו פערקלענערן ביז א מינימום דאס פערברויכען דעם שטראם, אז מען ברענט אין שטוב איין איינציג קליין לעמפעל, און מען זיצט ס'רוב אין דער פינסטער, כדי די עלעקטראווניע זאל האבען די קלענסטע הכנסות, אמת עס איז נישט אזוי לייכט, מען דארפט זיך טאקי אביסעל צו קוועהלען, אבער קודם-כל וועט מען זיך איינבראגגען געלד, און בעזונדער וועט דאס אפשר געבען דער עלעקטראווניע לערן-געלד.

אבער נישט דאס בין איך אויסען, איר וויל נאר זאגען אט מיין מיינונג, אז דער איינציגער אויסוועג וואלט געווען צו שאפען אין דער שטאדט קליינע קאאפעראטיווע עלעקטראווניעס דאס הייסט אז יעדעס גרויסע הויז פון עטליכע צעהנדליג איינוואוינער, אדער א פאר קליינע הייזער, זאלען זיך איינארדנען אייגענע בעלייכטונג מיט דער הילף פון א דינאמא-מאשין, דאס זאל געמאכט ווערען אויף קאאפעראטיווע יסודות וואס די עלעקטראווניע קען נישט שטערען, אזוי ווי עס מאכען זיך פאבריקען, און דאס איז נישט פערבינדען מיט קיין גרויסע קאסטען, עס וואלטען זיך געוויס געפונען די נויטיגע אונטערנעהמער וועלכע זאלען זיין מאסגעבענד און געגען גוטע גאראנטיעס זיך אונטערנעמען דאס אדורכצופיהרען. און דאס וואלט לויט מיין מיינונג געמוזט געבען דער עלעקטראווניע דעם געהעריגען שטויס, אז זי זאל נישט זיין אזוי אין גרויסען און נישט מיינען אז אלע טשענסטאכאווער בירגער זענען איהרע פערקויפטע שקלאפען.

איך האב נאר אנגעוויזען דעם הויפט-פונקט, און איך האלט אז דאס איז דער איינציגער פלאן צו וועלכען מען דארף זיך נעמען, אויב עס געפונען זיך פאקטיש די מענשען וואס ווילען אין דער הינזיכט עפיס טהון, און מיינען נישט גלאט צו רעדען און צו טומלען, זאלען זיי רופען פאכלייט און מאסגעבענדע פערזאנען וועלכע זאלען די זאך געגנוי און אלזייטיג בעטראכטען, און איבערגעהן פון ווערטער צו מעשים.

א קאנסומענט.

די נאנטסטע אויפגאבע פון הילפס-קאמיטעט פאר די יודישע פון קריזיס געליטענע.

פערגאנגענעם דינסטאג אוונד איז אין לאקאל פון סוחרים-און פאבריקאנטען פעראיין גערופען געווארען א פרעסע קאנפערענץ אין צוזאמענהאנג מיט דער ארבייט פון „הילפס-קאמיטעט פאר די יודישע געליטענע פון קריזיס".

מצד דעם הילפס - קאמיטעט זענען געווען אנוועזענד די ה"ה! אדוו. גליקסאן, פ. שפירא און י. ראזענבערג.

ה' גליקסאן עפענט די קאנפערענץ און גיט איבער דאס ווארט דעם ה' שפירא, וועלכער דאנקט די פרעסע-פארשטעהער פאר זייער קומען, און דערביי פערגעסט ער נישט צו מאכען א קאמפלימענט די פרעסע, וועלכע איז געווען די ערשטע, וואס האט געגעבען די איניציאטיוו צו שאפען דעם דאזיגען הילפס-קאמיטעט.

וועגען דער עצם פראגע ערקלערט ה' שפירא פאלגענדעס:

באלד ווי דער קאמיטעט האט זיך געשאפען איז געווען זיין אויפגאבע נאר צו בעמיהען זיך ביים שטאדטישען הילפס-קאמיטעט וועגען בעקומען פון די אלגעמיינע פאנדען א געוויסע סומע, וואס זאל פערטיילט ווערען פאר די פרנסה'לאזע יודען, וועלכע קענען נישט געניסען פון אלגעמיינעם הילפס-קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע. ליידער האט זיך דער דאזיגער פלאן נישט איינגעגעבען, ווארום פון שטאדטישען קאמיטעט קאנען נאר געניסען פעררעגיסטרירטע ארבייטסלאזע, אבער אינקיינפאל נישט קיין פרנסה'לאזע. דעריבער האט דער יודישער קאמיטעט געמוזט ענדערען זיינע קאמפעטענצען און זיך א נאמען געגעבען „הילפס קאמיטעט פאר די יודישע געליטענע פון קריזיס", וועלכער וועט אנפיהרען א זעלבסטשטענדיגע ארבייט.

די אויפגאבע פון קאמיטעט איז – ערקלערט ווייטער ה' שפירא – צונויפצוזאמלען ביי דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג א געוויסע סומע, און ערשט דאן דאס צוצוטיילען, ווי מען איז משער זענען פערהאנען אין טשענסטאכאוו איבער טויזענד נויטבעדערפטיגע יודען און ווען מען זאל שטיצען יעדע פאמיליע כאטש מיט א 15 זלאטעס א חודש, מוז מען האבען אויף דער צייט פון 6 חדשים די סומע פון 90 טויזענד זלאטעס, צו דעם צוועק זענען אבגעדרוקט געווארען אויפרופען צו דער בעפעלקערונג, ווי אויך דעקלאראציעס, וואו די מעהר פערמעגליכע זאלען זיך בעשטייערן. אויך זענען צוטיילט געווארען זאמעל ליסטעס צווישען די עקזעקוטיוו - מיטגלידער.

די דאזיגע פארברייטונגס ארבייט האט פערנומען זעהר פיעל צייט און אנשטרענגונג און די אייגענטליכע ארבייט הויבט זיך ערשט אן פון היינטיגען אן.

עס זענען אויך פערהאנען פערשידענע פלענער וועגען איינארדנען א קוך, פערטיילען קויהלען א.אז.וו. אלץ ווענדט זיך אבער אין די רעזולטאטען פון דער בעשטייערונג פון דער יודישער בעפעלקערונג.

די גאנצע טעכנישע ארבייט ווערט קאנצענטרירט אין דער יודישער קהלה.

צום סוף ווענדעט זיך נאך ה' שפירא צו די פרעסע-פארשטעהער מיט אנאפעל, אז זיי זאלען אויף די שפאלטען פון דער יודישער פרעסע מיטהעלפען אין דער דאזיגער זעהר וויכטיגער ארבייט.

נאכדעם, ווי עס ענטוויקעלט זיך א מיינונגס-אויסטויש צווישען די אנוועזענדע וועגען פערשידענע ארבייטען מצד דעם הילפס-קאמיטעט, ווערט די קאנפערענץ געשלאסען.

ס'איז כדאי צו וויסען!

אז אין מיין לאנגיעהריגע

קאווארניע קאשטשושקע 2, (פריהער 11)

איז נאך א גרונטליכען רעמאנט מיט א פערגרעסערטען לאקאל, ווערט פון זונטאג, דעם 1-טען נאוועמבער ד.י. ארויסגעגעבען

יעדען טאג פון 6 ביז 11 אווענד

הייסע פליישיגע קאלאציעס,

צו ביליגע פרייזען.

מיט אכטונג: **ל. אלטמאן, קאשטשושקע 2**

(פריהער 11, רוג אלעע).

דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס א הארציגען יישר - כח די אלע פערזאנען, וועלכע האבען אונז מוטגעהאלפען איינארדנען דעם „ווייס - בלויען באל" בעזונדערס דעם ה' ישראל טיבערג דעם לייטער פון אונזער אימפרעזע פאר זיין מוסטערהאפטער און איבערגעגעבענער ארבייט.

דער ארגאניזאציאנס-קאמיטעט פון בית"ר וברית הצה"ר.

היינט היינט

אין קאמעראל-טעאטער

„די רויטע קוקאווקע".

צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון האנדווערקער-פערבאנד.

מארגען שבת 6 א זייגער אוונד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון היגען האנדווערקער-פערבאנד.

מעהר ווי אלע מאל נויטיגט זיך היינט דער יודישער האנדווערקער אין א געזונטער פעסט-געבויטער ארגאניזאציע.

דער יודישער בעל-מלאכה, וועלכער איז צוליעב'ן קריזיס דערדריקט און ער געהט ארום ארבייטסלאז, ווערט אבער נישט בעפרייט פון די שטייערן, וועלכע פאלען אויף זיין קאפ וואס אמאל אלץ גרעסער.

דער יודישער בעל-מלאכה, וועלכער לעבט אין ספעציפישע בעדינגונגען און געניסט נישט פון די הנחות, וואס עס געניסט דער נישט-יודישער בעל-מלאכה ווענדעט זיין בליק נאר צו זיין ארגאניזאציע און ער פרעגט: מאין יבוא עזרי?

די פערצווייפלונג איז אין לשער און נאר דאמאלס ווען אלע כחות וועלען זיין קאנצענטרירט אין איין געמיינזאם איינינגקייט קען מען ראטעווען די טויזענדער יודישע האנדווערקער פון א פולשטענדיגען אונטערגאנג.

די אלגעמיינע פערזאמלונג דארף בעריהרען די אלע אנגעוועהטאגטע פראגען אין געבען אין די ראהמען פון דער מעגליכקייט, איהר געהעריגען ענטפער.

אלע האנדווערקער, וועלכע זייער ארגאניזאציע איז טייער דארפען זיין אנוועזענד אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

דיאנא יאנאס

בלומענפעלד טורקאוו

היינט—אין קאמעראל-טעאטער.

א דאנסינג פון „ווארטא".

מארגען שבת אוונד דעם 7 נאוועמבער קומט פאר א דאנסינג, איינגעארדענט דורכ'ן ספארט-קלוב „ווארטא" אין אייגענעם לאקאל (געוו. פאבריק וואולקאן).

די דאנסינגען פון דער „ווארטא" פרעהען זיך שטענדיג מיט א גוטען נאמען און גרויס ערפאלג און עס איז צו האפען, אז אויך דער דאזיגער דאנסינג וועט אדורך מיט ערפאלג.

זונטאג 5 נאכמיטאג – א „פייף".

ביי מענשען מיט אונרעגולערער טעטיגקייט פון הארץ שאפט לייכטען שטוהל-גאנג א גלאז נאטירליך ביטער-וואסער Franciszka Józefa גענומען יעדען אינדערפריה אויפ'ן ניכטערן מאגען

מעשה'לעך און געשעהענישען.

מ'טראגט דעם חתן אויף „נאשעס" צו דער חופה.

אז מען זאל פיהרען א חתן צו דער חופה, איז א גאנץ נאטירליכע זאך, ווייל טיילמאל שווינדעלט דעם חתן אין אזא מאמענט פשוט פאר די אויגען און ער זעהט נעביך נישט וואו צו געהן; אפטמאל גליסט איהם גלאט נישט צו געהן צו דער חופה און מען מוז איהם פשוט פיהרען בידים... אבער אז מען זאל א חתן טראגען צו דער חופה דאס איז גאר אנ'אויסטערלישע זאך און דעריבער איז כדאי איבערצוגעבען אזא מעשה, וואס האט טאקי די טעג פאסירט אין אונזער שטאדט.

אויף פאריגען פרייטאג איז בעשטימט געווארען די חתונה פון יונגערמאן ד. פ. מיט דעם פרל. נ. ג. ווי געוועהנליך זענען אנגעקומען צו פאהרען קרובים פון ביידע צדדים און מען האט זיך געגרייט צו דער חתונה.

א טאג פריהער אבער, דאנערשטאג, איז דער חתן-דנן פלוצים קראנק געווארען און בעקומען שטארקע היץ, דער ארויסגערופענער דאקטאר האט ערקלערט, אז דאס איז א אנפאל פון דער בלינדער קישקע.

איז ענטשטאנען די פראגע, וואס צו טהון מיט דער צומארגענדיגער חתונה: דער חתן מוז לויט דער פעראָרדנונג פון דאקטאר ליגען אין בעט, פון דער אנדערער זייט אבער איז דאך אנגענומען, אז מען זאל קיין חתונה נישט אבלייגען, דער רעזולטאט איז אלזא געווען, אז פרייטאג פארטאגס האט מען דעם חתן דנן אויף „נאשעס" איבערטראגען אין דער כלה'ס וואוינונג אויף דער גארנצארסקא גאס און צו דער חופה האבען איהם די אונטערפיהרערס צוגעטראגען אויף די הענד און איהם אונטערגעהאלטען בעת די קדושין, די דאזיגע חופה-צערעמאניע איז אבער געווען פערבינדען נאך מיט אנדערע געוויסע קאמפליקאציעס, ווי למשל, דער חתן האט נישט געטארט אראבשלינגען דעם וויין, ווייל צוליעב דער אנגעגריפענער „שלעפער" קישקע האט ער נישט געטארט טועם זיין, אויך האט ער נישט געטארט צוקלאפען דאס גלאז, כדי זיך נישט אנצושטרענגען א. ד. גל.

נאכדעם ווי די דאזיגע „שטערונגען" זענען בעזייטיגט געווארען, האט זיך די צערעמאניע פערענדיגט מיט'ן געהעריגען „מזל טוב!" און די אונטערפיהרערס האבען צוריק געטראגען דעם חתן אין בעט אריין.

אויפ'ן חשבון פון דער דאזיגער צערעמאניע האבען מאנכע פון די געסט זיך פערשידען ארויסגעזאגט, עס זענען געווען אזעלכע, וואס האבען געזאגט, אז דער חתן קען נישט ווערען קיין ווארשאווער דאזאר ווייל ער קאן נישט האקען קיין גלאז...אנדערע ווידער האבען זיך ארויסגעזאגט צי דער חתן איז נישט דאס „נארישקייט" בעגאנגען אונטער דער ווירקונג פון דער שטארקער היץ...

ק"ק לעלוב האט אויפגעלעבט...

דאס שטעדטיל לעלוו, וואס ליגט אין „מלך אביונ'ס גיטער" געהער צו די רעזידענצען אין וועלכע מען קען זיך גאנץ ברייט און רוהיג אויסשלאפען בייטאג אין מיטען מארק, נישט ווערענדיג געשטערט דורך א שארך פון א וואגען אדער דורכגעהער.

די קהלה-קדושה לעבט זיך דארט אויך רוהיג און שטיל, מען ווייסט נישט פון קיין אראבגעריסענע טישטוכער און צוהאקטע אויגען, צודמ'טע פנים'ער. אלץ פיהרט זיך בשלום ושלוה.

דארף זיך אבער טרעפען, אז דער רב, וועלכער איז דארט געזעסען מעהרערע יאהרען אויפ'ן כסא הרבנות איז אויפגענומען געווארען אויף זיין פאטער'ס ארט אלס רב אין אטוואצק, האט ממילא דאס שטעדטיל אויפגעלעבט – עפעס א קליינינקייט רבנים-וואהלען עליך ישראל !...

און ק"ק לעלוב, וואס האט געהאלטען שוין כמה שנים אין איין שלאפען איז מיטאמאל וואכעדיג געווארען. און וויפיעל יודען אזוי פיעל צדדים האבען זיך געשאפען און יעדער האט אנגעהויבען צו זוכען א קאנדידאט אויף א רב.

אויפ'ן שטאדטישען מארק האבען זיך מיטאמאל אנגעהויבען צו בעווייזען שליחים פון „ערב-רבנים" און רבנים, וואס האבען געווארפען אנ'אויג אויף דער דאזיגער קהלה-קדושה, פערשידענע רביים האבען צוגעשיקט כרוזים צו זייערע חסידים, אז מען זאל אויפנעמען אלס רב פלוני בן פלוני מאנשי שלומינו.

יעדען שבת האט זיך פאר'ן בית-המדרש-עולם אוועקגעשטעלט א נייער רב-קאנדידאט, וועלכער האט אוועקגעלייגט א „ספיטש" און זיך ערקלערט אין ליעבע די דארטיגע יודען.

אזוי איז שוין לעבעדיג אין שטעדטיל עטליכע חדשים. די לעלעווער יודען זענען ביי זיך געווארען משה גרויס, עפעס א קליינינקייט, ווי מען רייסט זיך דאס איך זייער כסא-הרבנות, וואו יעדער יוד האט א רעכט ארויסצוזאגען זיין דעה.

שוין עטליכע וואכען ווי דער דארטיגער רבנות-עניך איז אריין אין זיין לעצטער פאזע. מען געהט אויפ'ן רבנות מיט דער שווערסטער ארטילעריע און אט-אט וועט די דארטיגע פעסטונג ערא בערט ווערען.

איינער פון די קאנדידאטען איז א זוהן פון אמסטאווער רב און איידעם פון ראווער רב. גרייטען זיך דעריבער אויפ'ן היינטיגען שבת אראבצופאהרען אהין די דאזיגע ביידע רבנים, וועלכע זאלען מיט דער הילף פון ראדאמסקער רבי'ן, וואס איז א פעטער פון רב-קאנדידאט, כדי ענדגילטיג צו בעזעצען דאס ליידיגע כסא-הרבנות. בינו לבינו האט זיך מקדים געווען אויפ'ן פערגאנגענעם שבת דער היגער רבי ר' יעקעלע, ויעלכער איז אראבגעפאהרען מיט זיינס א זוהן, וואס איז צוריקגעקומען פון ענגלאנד און געוואלט דארט פאר איהם צונעמען דעם רבנות-שטוהל.

ווייזט אבער אויס, אז ק"ק לעלוב פערגלוסט זיך נישט אזוי שנעל אבצופטר'ן דעם רבנות-עניין, ווייל אנדערש וועלען זיי זיך מוזען צוריק אומקעהרען צו זייער שלאף און דרימלעניש.

איז טאקי ר' יעקעלע מיט זיין זוהן צוריקגעקומען פון לעלעוו בלא כלום, צי אבער דער היינטיגער שבת-קאנדידאט וועט יא מצליח זיין—ימים ידברו.

סמאל.

דיאנא בלומענפעלד

יאנאס טורקאוו

שפילען היינט אין קאמעראל-טעאטער

„די רויטע קוקאווקע".

Stowarzyszenie Lokatorów

m. Częstochowy.

Sekretarjat czynny codzienie od 5 do 7 wieczorem

Porady prawne w sprawach mieszkaniowych — bezpłatne.

Zapisy nowych członków na miejscu — Aleja 12

Pończochy - z gwarancją za trwałość

Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —

Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekaję meęską najkorzystniej do nabycia

w **DOMU POŃCZOCH**

Bielizny i Manufaktury

Częstochowa, II Aleja 29.

צו קענטניש פאר די סטודענטען, וואס פאהרען אויף סטודיעס קיין דייטשלאנד, בעלגיען און פראנקרייך.

די אקאדעמישע עמיגראציע-ביורא ביים הילפס-פערבאנד פאר די יודישע סטודענטען פון פוילען אין אויסלאנד מאכט אויפמערקזאם, אז די לעצטע גרופען פאהרען אין פאלגענדע טערמינען: אין נאוועמבער: דעם 3, 7, 12, 18 און 25, און אין דעצעמבער – דעם 2-טען.

א דאנק דער אינטערוועניץ פון צענטראלען קאמיטעט' פון פערבאנד איז געלונגען צו בעקומען א צוגאב-הנחה אויף די באהנען און צוליב דעם איז פערקלענערט געווארען דער פרייז פון בילעט ווארשא–פאריז ביז 100 זל.

אלע חברים, וועלכע האבען איינגעצאהלט פאר די בילעטען אויף די גרופען אין נאוועמבער, זענען געבעטען צו קומען אבצונעמען דעם אונטערשיד פון בילעט-פרייז.

אלע חברים, וועלכע האבען נאך ביז היינט נישט ערלעדיגט די פארמאליטעטען, וואס זענען פערבינדען מיט'ן ארויספאר אויף סטודיעס אין אויסלאנד, ווערען אויפגעפאדערט, זיי זאלען זיך אין די נאהנטסטע טעג ווענדען צום סעקרעטאריאט פון אקאדעמישען עמיגראציע-ביורא כדי אויסצוארבייטען די אויפנאהמעס אויף די אויסלענדישע הויכשולען.

וועגען אלע עניניס, וואס זענען פערבינדען מיט'ן ארויספאר אויף סטודיעס אין אויסלאנד, דארף מען זיך ווענדען צום אקאדעמישען עמיגראציע-ביורא, ווארשא, עלעקטאראלנא 8, אדער צו זיין אבטיילונג אין לאדז, גדאנסקא 40.

באקס-קאמפען.

א גרויסען אינטערעס האבען ארויסגערופען ביים היגען ספארט - פובליקום די מארגענדיגע באקס-קאמפען.

די זעהר לעבהאפטע באקסער-סעקציע פון יודישען טורן און ספארט-פעראיין, האט זיך נישט בעגניגענט מיט דעם לעצטען מעטש געגען די קאטאוויצער פאליציי און האט אנגאזשירט אויף מארגען שבת 8 אוונד אין אייגענעם זאל, דעם בעריהמטען אין פוילען, ווי אויך אין אויסלאנד, פון דער וואונדערבארער טעכניק און שעהנעם ארט באקסען, דעם ספארט-קלוב „סטאדיאן" פון קעניגס-הוטע.

צוליעב דעם איז צו האפען, אז די קאמפען וועלען אויספאלען דאסמאל שענער און דאס דארף אויך צוציהען א גרויסען עולם.

פון דער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט.

די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט (זש. ט. ק.) האט פון 1-טען נאוועמבער אן זייער לאקאל אויף קאשטשושקי 16 (פריהער 5), וואו דער סעקרעטאריאט איז אפען טאג - טעגליך פון 8–10 אוונד.

דער סעקרעטאריאט בעט אונז מיטצוטיילען, אז אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, וועלכע האבען איינגעצאהלט אויף דעם נייעם טיפ לעגיטימאציעס זאלען קומען אזעלכע אבנעמען יעדען טאג פון 8–10 אוונד.

אויך קומט פאר מארגען שבת 6 א זייגער אוונד א קאלעקטיווער בעזוך אויף דער אויסשטעלונג פון יעקב ראטבוים. דער צוזאמענטרעף האלב 6 אין לאקאל.

די לעצטע פאַרשטעלונג פון יאַנאָס טורקאָוו.

הייגט פרייטאג 9 אָוועגד קומט פאַר די לעצטע געזעגנונגס פאַרשטעלונג פון די בעריהמטע אַרטיסטען דיאַנאַ בלומענפעלד און יאַנאָס טורקאָוו מיט זייער אַנסאַמבל.

עס ווערט געשפילט „די רויטע קו־קאווקע".

דער יודישער טעאַטער עולם דאַרף אויסנוצען די געלעגענהייט און צאָהל־רייך בעזוכען די פאַרשטעלונג האָבענ־דיג דערביי אַ גייסטיגען נחת רוח.

פון דער געזעלשאַפט „לירא".

פרייטאג דעם 6 ליסטאָפּאַד פּונקטליך 8 אָוועגד קומט פאַר אַ גרויסער דאַנ־סינג עס זענען פאָראויסגעזעהן פיעל פערשידענע אַטראַקציעס. עס שפּיעלט אַ גרויסער דזשאַז אָרקעסטער פון 6 מאַן. אויפ'ן אָרט אַ זעהר ביליגער בו־פעט, איינגאַנג שטרענג געגען איינלאַ־דונגען.

בעמערקונג: יעדער איינגעלאַדענער גאַסט קאָן אריינפיהרען בעקאַנטע.

הייגט אין גראַנד־קינאָ — „די 10 פון פּאַוויאַק".

דער דירעקציע פון „גראַנד־קינאָ" איז געלונגען צו בעקומען דעם בע־ריהמטען פּוילישען פילם „די 10 פון פּאַוויאַק", וועלכער ווערט דאַ גלייכ־צייטיג דעמאָנסטרירט מיט ווארשא.

דער סיוזשעט פונ'ם דאָזיגען בילד איז גענומען פון דער רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס־בעוועגונג פון די פּוילישע באַיאָוועצעס אין יאָהר 1905, ווען דער צאַריזם האָט ווילקירליך געבושעוועט איבער'ן גאַנצען לאַנד, דערשטיקענדיג אין פייער און בלוט די פּוילישע פריי־הייטס־בעוועגונג. — דאָס איז אַ גע־שיכטע, ווי אַזוי מען האָט די 10 פער־משפּט'ע צום טויט ארויסגע'גנב'ט פון פּאַוויאַק.

לעצטער גאַסטראָל פון
דיאנא בלומענפעלד—יאַנאָס טורקאָוו
הייגט אין קאַמעראַל־טעאַטער.

א בריעף אין רעדאקציע.

חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר!

דערמיט בעטען מיר אייך געפעליגס אָב־צוגעבען פלאַץ אין אייער וו. צייטונג פאַר פאָלגענדע שורות:

היות ווי עס האָט זיך געשאַפען אין אונזער שטאָדט אַ יוד. הילפס־קאָמי־טעט פאַר געליטענע פון קריזיס — רופט ביי אונז אַרויס אַ גרויס פער־וואונדערונג די בעציהונג פון אויבענ־דערמאַנטען קאָמיטעט צו די אממעהר־סטען פּאַראינטערעסירטע — צו די פאַרשטעהער פון דער יוד. ארבייטער־שאַפט, נישט איינלאַדענדיג זיי צו בע־טייליגען זיך אין דער דאָזיגער אַר־בייט.

דער יוד. ארבייטער, וועלכער לעבט אין ספּעציפישע בעדינגונגען, בעת ער פאַרלירט די אַרבייט איז ער נישט פאַררעגיסטרירט צווישען די אַרבייטס־לאָזע — דעריבער, נעהמענדיג דאָס אין בעטראַכט, דאַרפט איהר אויך איינלאַדענען פאַרשטעהער פון דער היגער יודישער ארבייטער־שאַפט.

אין נאָמען פון די רעליגיעזע אַרבייטער־פּאַרטיי „פּועלי אגודת ישראל"

ב. ראַבינאָוויטש.

עפענטליכע אויפפאָדערונג.

זייט פאָריגע וואָך ווערען דורך בייזוויליגע מענשען אין די פּערזאָנען פון ה' יוסף פּערענס (ספּאַדעק 4) און זיין ראַטגעבער זיין לייב־ידיד אַ דעם שעהנעם יוד מיט דער גרויסער באָרד, פאַרשפּרייט אין דער שטאָדט בייזווי־ליגע רכילות'ן און פאַלשע קלאַנגען, אַז איך האָב געזאָלט האָבען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איך ערקלער דעריבער דער ברייטער עפענטליכקייט, אַז די דאָזיגע קלאַנגען האָבען די דערמאַנטע פערשוינען אלס מיינע קאָנקורענטען פאַר־שפּרייט, כדי מיר ברענגען געשעפטליכען שאָדען.

אַ בעדייטענדע צאָהל עדות זענען גרייט צו בעשטעטיגען אַז דאָס האָ־בען זיי געהערט פון ה' יוסף פּערענס און אויך אַז ער איז געוועזען דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון דעם דאָזיגען רכילות.

איך פאָדער דעריבער אויף דעם רכילות־פאַרשפּרייטער, אַז ער זאָל אַלס סימן פון חרטה געבען אַ געהעריגען סכום אויף אַ וואָלטעטיגען צוועק, אויף וואס איך גיב איהם צייט 7 טאָג — אויב אין פאַרלויף פון דער צייט וועט מיין פאָדערונג נישט ערפילט ווערען, וועל איך דאַפון ציהען די געהע־ריגע קאָנסעקווענצען. **זיסמאַן ציטטער.**

דאָס פוטער־געשעפט פון די פירמא
פיק און זשעלינסקי
טשענסטאָכאָוו, 1 אַלעע 3
פראָנט ערשטער שטאָק

איז פאַרזעהען צום קומענדען סעזאָן מיט אַ גרויסען אויסוואַהל
פון אַלערליי פוטער־סחורות,
ווי פאַרשידענע פעל, בלאַמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פאַרטיגע און בעשטעלטע דאַמען און הערען־פוטערס א. א. א.

ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאַנדלונג!

קומט און איבערצייגט אייך!
אַכטונג: פראָנט ערשטער שטאָק.

צום ווינטער = סעזאָן 1931=32!
איז דאָס **פוטער=געשעפט**
פון
מיכאל איידעלמאַן
פילסודסקי 5, פראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305

פאַרזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלערארט פוטער־סחורה און איינצעלנע פעל, בלאַמען.

פאַרטיגע דאַמען און מענער = פעלצען.

אין מיין ערשטקלאַסיגען קירשנער־ווערקשטעל ווערען אויסגעפאַרטיגט אַלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פאַרזענליכער אויפזיכט.

צוליעב ליקווידאַציע
גענצליכער אויספערקויף!
דאָס בעוואוסטע פוטער=געשעפט
פון די **געבר. קעלציגלאָווסקי**
און בערקאָוויטש פילסודסקי № 9 אין הויף,
מאַכט בעקאַנט, אַז דאָס געשעפט ווערט ליקווידירט און דער גרויסער לאַגער פון אַלערליי
פוטער־סחורות ווערען גענצליך אויספערקויפט.
נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און איהר קענט קויפען צו אויסערגעוועהנליכע ביליגע פרייזען.
געדענקט די אַדרעס און איילט אייך צו, וכל הקודם זכה!

צום ווינטער סעזאָן!

דאַרפט איהר האָבען אַ דאַמען אָדער אַ מענער פעלץ אָדער אַנדערע פוטער־אַרבייט? — בעשטעלט נאָר אין דער לאַנג־עגזיסטירענדער פירמע
פון **ה. זשעלינסקי אַלעע 10**
מיר נעמען אָן פון אייגענע און אויך פאַרטרויטע סחורות.

היות ווי פוטער=וואַרג איז הייגט ביליג האָבען מיר אויך רעדוצירט דאָס אַרבייטס = לוין!

רעיעלע בעהאַנדלונג — מיר מאַכען פון אַלט—ניי! — שנעלע אויספיהרונג.

איילט אייך דעריבער און מאַכט אייער בעשטעלונג נאָר אין דער פּראַצאַווניע פון **ה. זשעלינסקי, אַלעע 10** און איהר וועט זיין צופריעדען.

Biuro Techniczne „Union"
Sp. z o. o.
Panny Marji 14 tel. 7-70

Stale na składzie świeże baterje anodowe.

Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne oraz radjoaparaty i radjosprzęt.

Niezawodne ładowanie akumulatorów radjowych samochodowych.

Galanterja elektrotechniczna, grzejniki i żelazka elektryczne Żarówki. Łożyska kulkowe.

Duży lokal fabryczny
do wynajęcia.
Piłsudskiego 13 u gospodyni

---

2 שטיבען אין נייעם מאַרק
אויף אַ געשעפט אָדער אויף אַ וואוינונג
שוין צו פעררינגען.
ערקינדיגען אין רעד. פאַר י.

בייעסטע און ביליגסטע
גומי=אַבצאַסען „WESTA"
שוין צו בעקומען אין דער פירמא
M. BIRNBAUM, CZĘSTOCHOWA, Prosta № 1.
קויפענדיג „וועסטא"־אַבצאַסען בעקומט איהר בחנם אַלומיניום־געשיר.

קאַלאַשען און שניעגאַוועצעס
פון די פאָלגענדע מאַרקען:

Tretorn Gentleman Szwajkert Wudeta
Pepege Rezinotrust Rigawar Ardal

שוין אָנגעקומען.
אַלץ צו פאַבריקס = פרייזען.
אויך אַ גרויסער אויסוואַהל פון אַלערליי **שיכוואַרג.**
ז. לאַנגנער, 1 אַלעע № 10

שוין צו פעררינגען אַ דירה
פון 1 צימער מיט אַ קוך מיט בעקוועהמליכקייטען צו אַ צוגענגליכען פרייז
ערקינדיגען זיך ביים ווירט סענאַטאָרסקאַ 31.

---

28 UL. N. MARYIPANNY

אַכטונג!
וויכטיג פאַר די ה"ה הויז=בעזיצער

(10)

מעלדע - סטעמפלען,
הויז=שילדען, וואוינונג=נומערן
לויט מאַגיסטראַט־פאַרשריפטען בעקומט מען אין
גראַווויר = אַנשטאַלט
ש. שטשעקאַץ, 2 אַלעע 28.

לערן = מיידלעך
צו דאַמען־שניידעריי ווערען געזוכט
אינפאָרמאַציעס: א. נירענבערג, אַלעע 23

---

14 gr. tylko kosztuje prapia kolnierza z połyskiem, — koszuli dziennej 50 gr. pranie garnituru 5 zł. — palta 4 zł. „ sukni 2.50 — swetra 1.50 w farbiarni chemicznej i pralni bielizny **JADWIGA** Katedralna 4 (dawn. Strażacka 17)

הייגט הערליכע אויסשטעלונג פון גרויסען נאַציאָנאַלען עפּאָפּיי א. נ.

10-CIU Z PAWIAKA

אין די הויפּט־ראָלען: **י. ווענגזשין, ב. סאַמבאָרסקי, ז. באַטיצקאַ, א. בראָדזיש, ה. לוביענסקאַ, ק. יוּעטיאַן** א"א. מוזיקאַלישע אילוסטראַציע **וו. דאַן.**

איבער'ן פראָגראַם: ערשטער טענאָר פון מעטראָפּאָליטאַן - אָפּערע בעניאַמינאָ דזשידזלי פיהרט אויס די אַריע פון דער אָפּערע „דזשאָקאָנדאַ".

צוליעב די גרויסע קאָסטען פון פילם זענען די פרייזען נישט - בעדייטענד געהעכערט.

אָנהויב שבת 3, זונטאג 2, וואָכען־טעג 4 נאַכמ.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

הייגט! — נייע אויסגאַבע פון מעכטיגען פּוילישען קונסטווערק — הייגט!

NA SYBIR

דראַמע פון ליידען, טרעהרען און בלוט, אויך ליבע און אָפּפערונג

אין די הויפּט־ראָלען: **יאַדוויגאַ סמאָסאַרסקאַ, בראָדזיש, סאַמבאָרסקי.** מוזיק: **ה. וואַרס.**

איבער'ן פראָגראַם: פּוילישע פילם כראָניק. אַקטועלעס פון דער לעצטער מינוט.

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוועגד.

אויפ'ן 1 סעאַנס קרעסלאָ 1 זל.

הייגט און ווייטער. **ליבע! פעררראַט!** פילם פון שטאַרקע דראַמאַטישע מאָמענטען.

ZDRADZIECKIE ŚWIATŁO

אין דער הויפּט־ראָל דער נישט־פערגעסענער **ל. וואָלהיים** דער העלד פון: „אויפ'ן מערב נישטאָ קיין נייעס".

איבער'ן פראָגראַם: **פאָקס־קלאַנג־צוגאַבען** אַקטואַליטעט פון דער גאַנצער וועלט.

ערשטער מוסטערהאַפטער
קלאַנג=קינאָ
Nowości
אַלעע 12
לעצטער סעאַנס 9.30 אָוועגט
הייגט און ווייטערע טעג.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawca B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6